Hebr. e 227
Levner

# דער
# צווייענדיגער תנאים
אדער
## אויך מיר אגבאי
דראמאן, און בילדער פון געמיינעם לעבען.

פון
ג. ח. לעוונער.

# ווילנא
שנת תרנ"ח לפ"ק

ДВОЙНАЯ ПОМОЛВКА.
Разсказъ Г. Х. Левнера.
Соб. изд. Л. Л. Маца.

ВИЛЬНА.
Въ типографіи Л. Л. Маца, на Квасномъ переулкѣ, д. № 1195|6
1897 г.

Дозволено цензурою 4 Сентября 1897 г. Вильна.

## 1.

פֵייוִויל דֶער לַאנְגֶער הָאט גֶעהַאט אַבֶּערוּף פַאר אַגוּטֶען בַּעַל מְלָאכָה, פַאר אַגוּטֶען שְׁנַיידֶער, אוּנ פַאר אַשְׁטִילֶען עֶרְלִיכֶען יוּנְגֶען מַאן, נָאר נִיט גָאר פַאר ַקיין ְקלוּגִין, פַאר אַרְעכְטֶען בַּר דַעַת.

דֶעם אֶמֶת זָאגֶענְדִיג, הָאט ַקיינֶער פוּן אִים, פוּן פֵייוולֶען ַקיין שוּם נַארֶעשְׁקַייט נִיט גִיזֶעהֶן אוּנ נִיט גִיהֶערְט; נָאר פַאר וָואס אִיז עֶר פַאר וִוינְט גִיוֶועֶן בַּיים עוֹלָם פַאר אַנַאר? אִיז נִיט דָא ַקיין אַנְדֶער סִבָּה, סַיידֶען וִויא זַיין נַייבּ, זַיין פֶּעשֶׁע חַיֶעֶנ'ע!

פֵייוִויל דֶער לַאנְגֶער אִיז אַיוּנְגֶער מַאן, סַךְ הַכֹּל אַיָאהר אָהן וָואכֶען, נָאךְ זַיין חֲתוּנָה; אַהוֹיכֶער אִיז עֶר, אַדִינֶער וִויא אַלוּלָב (אוּמְזִיסְט מֵיינְט אִיר, רוּפְט מֶען אִים דֶער לַאנְגֶער)? מִיט אַיין אוֹיס גֶעוֶוייקְט שְׁנַיידֶערְשִׁין פָּנִים, דֶער צוּ אַמָאדְנֶע בְּרֵייטֶע נָאז, וואוּ מֶען קֶערְט זִיךְ, וואוּ מֶען קוּקְט, זֶעהט מֶען נָאר נָאז, אוּנ אַהִיפְּשׁ בִּיסֶעלֶע הֵייקֶערְדִיג, פוּן שְׁטֶענְדִיגֶען זִיצֶען; אוּנ דָאס אַלֶעם הָאט אִים אַזוֹי גֶעפַּאסְט, אַסַאךְ מֶער וִויא אַנְדֶערֶע כְּלֵי קוֹדֶשׁ זַייעֶרֶע יַארְמִילְקֶעס, אָדֶער וִויא אַנְדֶערֶע שְׁנַיידֶער נְגִידִים זַייעֶרֶע עֲשִׁירוֹת.

פֵייוִויל אִיז פוּן כָּל יָמָיו גִיוֶועֶן אַשְׁטִילֶער, אַפְרוּמֶער, אוּנ אַיין עֶרְלִיכֶער בָּחוּר; עֶס ָקאן זַיין אַז זַיין נִיט שֵׁיינֶער פָּנִים, וָואס זַיינֶע חֲבֵרִים פְּלֶעגֶען אִיבֶּער אִים, ָקאנֶען יֶעדֶער אַרוֹיס זָאגֶען זַיין חָכְמָה, זַיין וִויץ, זַיין לֵצָנוּת, הָאט אִים אָפּ „גֶעזוּנְדֶערְט, פוּן זֵיי אַלֶעמֶען; אוּנ עֶס אִיז מִיגְלֶעךְ, אַז בְּטֶבַע אִיז עֶר פֵייוִויל גִיוֶועֶן אַפְרוּמֶער אַשְׁטִילֶער בָּחוּר; נָאר וִויא דָאס אִיז, ָקאן ַקיינֶער נִיט זָאגֶען, אַז עֶר הָאט גֶעזֶעהֶן פֵייוולֶען אִין שֵׁיינְק, אִין בִּיר-הַאלֶע, אָדֶער שְׁפִּילֶענְדִיג אִין ָקארְטִין, אִין בִּילְיַארְד, אָדֶער רֵייכֶערִינְדִיג אַפַּאפִּירָאס אוּם שַׁבָּת, עֶסֶענְדִיג טְרֵפָה, וּכְדוֹמֶה; חָלִילָה! פֵייוִויל הָאט אֲפִילוּ ַקיין מָאל נִיט גִיפְּרָאבִּירְט קוּמֶענְדִיג שַׁבָּת, יוֹם טוֹב אִין שׁוּל, שְׁטֵיין מִיט זַיינֶע חֲבֵרִים,

שְׁנַיידֶער יונְגֶען, זַיין גְלַייכֶען, אונ בְּשַׁעַת דֶער עוֹלָם דַאוֶוינְט, שְׁטֵייט מֶען אִין פָאר הויז, אָדֶער אויפֶען שׁוּל הויף, יֶעדֶער אויס גֶעפּוּצְט אָפּ גֶענָאלְט, אָפּ גֶעשָׁאבֶען, אָפּ גֶעשְׁקְרָאבֶּעט, יֶעדֶער אויס גֶעצִירְט וִויא אַבֶּן מֶלֶךְ, אונ מֶען רֶעט פוּן אַלֶעם וָואס קוּמְט אִין מויל אַרַיין, לֵיצָנוּת, נִבּוּל פֶּה, מִיט נָאךְ אַנְדֶערֶע מְאוּסֶע נַארֶעשֶׁע וֶוארְטְלֶעךְ; אָט פוּן דִי אַלֶע חֲבֵרִים הָאט פייוויל אויס גֶעוַוייכְט; אִיז עֶר גֶעקוּמֶען אִין שׁוּהל, הָאט עֶר זִיךְ גֶעשְׁטֶעלְט אויף זַיין אָרְט, אונ אָפּ גֶעשְׁטַאנֶען בִּיז דֶעם סוֹף דַאוְונֶען; אונ נָאךְ אַלֶעם דֶעם, אִיז פייוויל גֶעוֶוען אַגוּטֶער בַּעַל מְלָאכָה, זַיין אָפּ אַרְבֶּעטֶען אַשְׁטִיק אַרְבֶּעט, אִיז גֶעוֶוען רַיין אונ גְלַאט, אֵיין מָאל אַרוּנְטֶער גֶענוּמֶען אַמָאס, אֵיין מָאל גִיפְּרַאכְט צוּ „פְּרִימֶערְקֶע" אונ דִי אַרְבֶּעט לִיגְט גוּט וִויא אויס גֶעגָאסֶען, וִויא אַיין גִיקְלֶעבְּט; אֶמֶת דִי שְׁנַיידֶערְס פְלֶעגֶען אויף אִים זָאגֶען, „עֶר אִיז אַקְרִיכֶער פוּן דֶעסְט וֶועגֶען הָאט יֶעדֶער גוּטֶער שְׁנַיידֶער גִיגַארְט אִים בַּאקוּמֶען, אונ דֶער וָואס הָאט אִיהם בַּאקוּמֶען פְלֶעגְט זִיךְ דִיהֶמֶען פַאר זַיינֶע „קוּנְדֶען" „מִיר... דַארְף מֶען גֶעבֶּען טַייעֶרֶער, בַּייא מִיר אַרְבֶּעט פייוויל!" אונ דֶער „קוּנְד" הָאט שׁוֹין מֶער אַוָוארְט נִיט גֶערֶעט, וִויסֶענְדִיג וִויא בַּאלְד אַז „פייוויל" וֶועט דִיא אַרְבֶּעט גֶעוִויס גוּט זַיין!

זַיין פֶעשֶׁע חיענֶע אִיז אַיוּנְג וַוייבְּל, מִיט דֶעם יָאהר וָואס נָאךְ דִי חֲתוּנָה, אִיז זִיא צְוַואנְצִיג יָאהר אַלְט; זִיא אִיז נִיט קֵיין הויכֶע, נָאר וָואס אִיר פֶעלְט צוּ דִי הויךְ גֶעפִינְט זִיךְ אִין אִיר גְרֶעבּ; נִיט קֵיין יְפַת תֹּאַר, אָבֶּער נִיט קֵיין מְאוּסֶע, אַדְרַבָּה אַקַיילֶעכְדִיגֶער פָּנִים, מִיט צְוֵויי שֵׁיינֶע שְׁוַוארְצֶע אויגֶען, נָאר אויבּ דִי הַשְׁגָחָה הָט עֶטְוָואס יָא פַארְקַארְגְט, אונ נִיט דֶער גֶעבֶּען אִיר פָּנִים, קֵיין אֶמֶת'ע שֵׁיינְקַייט; הָאט עֶר אִיר אַיין גֶעטֵיילְט אַנְדֶערֶע מַעֲלוֹת, אַמַיילְכֶעלֶע — „שְׁוֶועבְּל מִיט פֶּעךְ" אַצִינְגֶעלֶע אויף „פְרוּזְשִׁינֶעס" אַקוּלְכֶעלֶע, וִויא אַגוּטֶע פַייפֶעלֶע... אונ דֶעריבֶּער הָאט פייוויל דֶער לַאנְגֶער, פַאר דִי קְלֵיינֶע בַּאשֶׁעפֶענֶעס גֶעצִיטֶערְט אַסַךְ מֶער, וִויא אַקַבְּצָן, פַאר אַצְוִוילִינְג, אַקַמְצָן פַאר אַנְדָבָה גֶעבֶּען, אַגְבִיר פַאר אַיין אָרִימֶען קָרוֹב... אונ

אֶפִּילוּ מֶער וִויא דִי נְבִאִים אוֹיף אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל פוּשְׁקֶעס, הָאבֶּען מוֹרָא מֶען זָאל זֵייא נִיט חוֹשֵׁד זַיין...

אַז פֶעשֶׁע חיענע פְּלֶעגְט עֶפֶּענֶען דֶעם "מַעֲנֶה לָשׁוֹן" אַז זִיא פְּלֶעגְט דֶעם לַאנְגֶען שְׁנַיידֶער, אַרוֹיף הַאפֶּען בַּייא זִיךְ אוֹיפֶען צִינְגֶעל, דֶענְסְט מָאל, הָאט עֶר גֶעבֶּעךְ, — זַיין אָרְט נִיט גִיפוּנֶען, נִיט נָאר אִין זַיין קְלֵיינֶע דִירָה'לֶע, נָאר אִים אִיז אֵיינְג גִיוֶוען אִין הַארְצֶען, אֵיינְג אִין שְׁטָאט, אֵיינְג דִי גַאנְצֶע וֶועלְט!!...

גְלִיקְלִיךְ אִיז פֵיוֶויל גִיוָוען יֶענֶעם טָאג, וָואס אִיהם הָאט אָפּגֶעגְלִיקְט, זִיךְ אַרוֹיס הַאפֶּען פוּן שְׁטוּב אֵיידֶער עֶס הָאט זִיךְ אָנְגֶעהֵייבֶּען שִׁיטֶען פוּן אִיר מוֹיל שְׁוַוארְצֶע מָאן, אוֹיף זַיין קָאפּ; הָאט אִים אָבֶּער נִיט אָפּ גֶעגְלִיקְט, אִיז עֶר גִיזֶעסֶען בַּייא זַיין אַרְבֶּעט, אִיז עֶר נִיט אַוֶועק גִיגַאנְגֶען; זִיא הָאט אוֹיס גֶעלָאזְין כָּל חֲמָתָה צוּ זַיין קָאפּ, צוּא זַיין לַייבּ אוּנ לֶעבֶּען, זִיא הָאט אִיהם בַּאגְרָאבִין, בַּאשָׁאטֶען, אוּנ ווִידֶער אוֹיף גִיגְרָאבֶּען; נָאר עֶר — נִיט אֵיין וָוארְט, נִיט אֵיין קְרִים, נָאר גְלַייךְ וִויא נִיט אִים מֵיינְט זִיא, וִויא נִיט צוּ אִים רֶעט זִיא!

אוּנ דֶער דָאזִיגֶער "שְׁוַוייגֶען" הָאט אִים בַּייא זַיינֶע נַארְעשֶׁע פְּרָאסְטֶע שְׁכֵנִים גִימַאכְט אַשְׁלֶעכְטֶען נָאמֶען, אַנָאמֶען פוּן אַנַאר, פוּן אַפָּערְד!

— אַי אַפֶּערְד, אַגְרוֹיסֶער פֶּערְד! ... אוֹיף אַפֶּערְד רַייטֶען אַלֶע, אֶפִּילוּ אַאִידֶענֶע אוֹיךְ!...

זִיצְט וִויא אַבַּאגְרָאבֶּענֶער, וִויא אַיין אָפּ גֶעמִישְׁפֶּעטֶער!

— אוּנ דֶעם קָאפּ אִירֶען אוֹיף צְוַוייעֶן! אוּנ פוּן דִיא בֵּיינֶער, זָאל נִיט בְּלַייבֶּען אֵיינֶער אַנַאנְצֶער!

— וָואס אַרְט אַייךְ מַאנְס לַייט, הָאט אַיין אַלְטֶע וַוייבֶּעל גִיזָאגְט: "זִיא ווָאלְט גֶעהַאט אַפָּנִים וִויא אַנַאשׁ בְּרַאט, וָואלְט עֶר נָאר נִיט אַזַא פְּרוּמֶער צַדִּיק גִיוֶוען... עֶר וָואלְט זִיא דִיא בֵּיינֶער גֶעבְּרָאכֶען, אוֹיף וָואס דִיא וֶועלְט שְׁטֵייט! נָאר אַז מֶען הָאט

אַשֵׁיין פְּנִים'ל, אִיז גָאר אַנְדֶערֶע וֶוערְטֶער... עֶר הָאט זִיא פָּשׁוּט לִיבּ...

— לִיבּ הָאט עֶר זִיא? אוּן זִיא אִים, אֶפְשֶׁר אוֹיךְ?...

— זִיא דַארְף אִים נִיט! וואוּ אִיז לֶעקֶעשׁ דֶער אַרְבֶּעטֶער? לֶעקֶעשׁ דֶער מַמְזֵר?

— פַאר וָואס טַאקֶע הַאלְט עֶר אִים בַּייא זִיךְ אִין שְׁטוּבּ? פַאר וָואס טְרַייבְּט עֶר אִים נִיט אַרוֹיס וְוִיא אַהוּנְד?

— פַאר וָואס? וַוייל זִיא הֵייסְט נִיט, וַוייל זִיא וֶועט אִיהם פִייוולען גִיבֶער דוּרְךְ יָאגֶען, אוּן אַרוֹיס טְרַייבֶּען...

— אִיז עֶר דָאךְ טַאקֶע אַבְּהֵמָה, אַפֶערְד, בְּצוּרַת אָקֶם!

— גֶעוִוים אַזוֹי, וָואס זֶע רֶעט מֶען!

נָאר פִייוויל וֵויים נִיט, עֶר הֶערְט נִיט דִיא אַלֶע רֵייד, מִיט דִיא אַלֶע לֵיצָנוּת וָואס זַיינֶע אַלֶע שְׁכֵנִים מִיט דִיא שְׁכֵנוּת רֵיידֶען וֶועגֶין אִים, עֶר זִיצְט אוּן שְׁטֶעכְט, דִי שְׁטִיקְל אַרְבֶּעט; עֶר גֵייט נִיט, נָאר עֶר שְׁטֶעכְט זִיצֶענְדִיג פַאר קְלֶערְט, פַאר טְרַאכְט מִיט זֵייעֶר אוּמֶעדִיגֶע מַחֲשָׁבוֹת; עֶר טְרַאכְט פוּן זַיין וַוייבְּל, פוּן זַיין פֶעשֶׁע חִיעֶנעֶן, וָואס עֶר הָאט זִיא לִיבּ מִיט אֱמֶת, וָואס צוּ לִיבּ אִיהר, הָאט עֶר אָפּ גִיטָאהן אַגְרוֹיסֶע נְבָלָה, וָואס נִיט גָאט אוּן לַייט, אוּן עֶר זִיךְ אַלֵיין, קָאן זִיךְ דָאס נִיט מוֹחֵל זַיין... אוּן טְרַאכְטֶענְדִיג, פוּן דִיא גְרוֹיסֶע עַוְלָה וָואס עֶר הָאט גֶעטָאן, אִיבֶּער זַיין גְרוֹיסֶע לִיבְּשַׁאפְט צוּ פֶעשֶׁע חִיעֶנעֶן, פִיהֶלְט עֶר, וְוִיא זַיין הַארְץ פַאר גִיסְט זִיךְ מִיט בְּלוּט... עֶר פִיהֶלְט, וְוִיא דִיא נָאדִיל שְׁטֶעכְט אִים אִין הַארְצִין... פוּן פַאר דְרָאס קְוֶועצְט עֶר צוּ זַאמֶען זַיינֶע צֵיין, עֶר חַאפְּט דִי שֶׁער, אוּן גִיט זִיא אַשְׁמִיץ פוּן אֵיין אָרְט אוֹיפֶען צְוֵוייטֶען... „יָא! יָא!‟ גָאט צָאלְט מִיר אִיצְט וְוִיא אִיךְ הָאבּ פַאר דִינְט! טְרַאכְט עֶר מִיט זִיךְ; עֶר הֵייבְּט אוֹיף זַיינֶע אוֹיגֶען צוּם הִימֶעל, צוּם נִידֶערִיגֶען פָּאטָאלָאק, אוּן זֵיי בַּאגֶעגִינֶען אוֹיפִין וַואנְט אַנְקֶעגֶען אִיהם הֵיינְגְט אֵיין אַרְבֶּעטֶערְם בִּילְד... קוּקֶענְדִיג אוֹיף דֶעם בִּילְד, וֶוערְט פִייוועלס פָּנִים בַּאדֶעקְט מִיט אַבְּלַאסֶע

רויטקייט, זייגע בלוטען קאכען אין איהם; — „וואס טהוט מען?״
„משוגע בין איך געווען, חסר דעה, וואס איך האב זיך געלאזען איין רעדען אים נעמען!... אונ טראכטענדיג דיא פינסטערע מחשבות, שפארט זיך פייוויל אפ מיט זיין האנד אויפען טיש, דיא קאפ לייגט צו אוועק, אונ ווערט אנדרעמילט.

# 2.

ביילקע די דינסט מיידעל, איז בעקאנט אין גאנץ שטאדט, פאר איין ערלעך קינד, פאר אגרויסע בריה, אונ פאר אגרויסע צוכט.

ביילקע איז איתומה, איין עלענדע יתומה, זיא האט ניט קיין טאטע מאמע, קיין פריינד: אכט יאהר איז זיא אלט געווען, אז זיא איז דעם ערשטען מאל אנגיקומען צו פרעמדע מענשען, אונ פאר צעהען יאהר צייט, האט זיא זיך אוים געוואלגערט, אונ אוים געליטען אסך צרות, אסאך הונגער מיט קעלט; נאר וואס זאל מען רעדען? יעדער רבי, יעדער לעהרער וואס ער איז אביסעלע בייז, יענער לערינט גוט, פאר יענעם האט מען אפשאי, דרך ארץ; אבעסערער לעהרער פון צרות, פון זיין עלענד, פון וואלגערין זיך ביא פרעמדע מענשען איז ניט דא, פון די לעהרער האט ביילקע אגרויסע פעולה גיהאט, זיא איז געווארין קלוג, פאר שטאנדיג, זיא האט שכל באקומען, צו באטראכטין, באקלערין, וואס גוט אונ וואס שלעכט, וואס שיין אונ וואס מאוס; ביילקע האט פאר דיא צעהן יאר, זיך באקלייט וויא איינע פון דיא פיינסטע בעלי בתישע טאכטער: זיא האט אנגעקליבען גרייטע געלד צוויי הונדערט רובל אויף געבען ארעכטען נדן! ביילקען דיא יתומה האבען אלע

(צווייענדיגער תנאים) געוואונשען

גְעוואוּנְשֶׁען, אֲפִילוּ דִי בֵּייזְטֶע דִי עֲרְגְסְטֶע בַּעַל חַבַּיִת'טֶעס זִיא זָאל זַיין רַייךְ אוּנ גְלִיקְלִיךְ, זִיא זָאל בַּאקוּמֶען אַגוּטֶען חָתָן, אַיין עֶרְלִיכִין מֶענְשֶׁען וִויא זִיא אִיז וֶוערְט, וְויא זִיא פַאר דִינְט כָּשֵׁר.

אוּנ. . . ; אַבְּרָכָה אִיז נִיט קַיין קְלָלָה, אָט אִיז אַלֶעמֶעס בְּרָכוֹת מְקוּיָם גְיוָוארִין, טָא אִין גִיבֶען אִיז גִיקוּמֶען טְרַיינֶע הָאדֶע דִי שְׁטָאט גַבַּאיְטֶע אוּנ דִי שַׁדְכִינְטֶע פוּן אַלֶע בִּיטֶערֶע פַאר אוּמֶערְטֶע הָארְצֶער, פָאר גִיגֶעבֶּען בֵּיילקֶען, אַשְׁדוּךְ מִיט זַייעֶר אַפַּיינֶעם חָתָן, מִיט אַחָתָן וָואס הָאט כָּל הַמַעֲלוֹת, וָואס דִיא גַאנְצֶע שְׁטָאט קָאן אִים, מִיט פֵייוויל דֶעם לַאנְגֶען . . .

אוּנ בֵּיילקֶע הָאט זַייעֶר גוּט גִיקָאנְט פֵייוויל דֶעם לַאנְגֶען, זִיא הָאט דֶעם אֶמֶת גֶעוואוּסְט, אַז צַייט דִי בָּאבֶּע טְרַיינֶע הָאדֶע לֶעבְּט, הָאט זִיא נָאךְ אַזוֹי פִיל אֶמֶת, וִויא דֶעם מָאל נִיט גִיזָאגְט, פֵייוויל אִיז טַאקֶע אַיין עֶרְלִיבֶער בָּחוּר, אַגוּטֶער מַייסְטֶער, אוּנ הָאט גִיט קַיין שְׁנַיידֶערְשִׁין נַאטוּר, דֶער „פְּלַגָא" לִיגְט נִיט בַּיי אִים אוֹיפִין פְּנִים . . . אֶמֶת עֶר אִיז נִיט קַיין „קְרַאסַאווִיטְשׁ" נָאר דֶער פַאר אִיז עֶר אַפְרוּמֶער אַשְׁטִילֶער בָּחוּר, נִיט וִויא דִיא אַלֶע שַׁארְלַאטַאנֶעשׁ, עֶר אִיז אוֹיךְ אַיָתוֹם, אַיין עֶלֶענְדֶער, זִיךְ אָכּ גֶעוַואלְגֶערְט כָּל יָמָיו בַּייא פְרֶעמְדֶע לַייט, קַיין מָאל נִיט גִיהֶערְט פוּן קַיינֶעם אַגוּט וָוארְט נִיט גִיזָעהֶן אַפְּרַיינְדְלִיכֶען קוּק, אַוַדַאי וָועט עֶר וִויסֶען וִויא צוּ שֶׁאצִין אַפְרוּי, אַגוּטֶען פְרַיינְד, וָואס וֶועט אִים הִיטֶען וִויא דֶעם לֶעבֶּען, וָואס וֶועט אִים לִיבּ הָאבֶּען, אוּנ גֶעטְרַייא זַיין מִיט אֶמֶת; אָט דִיא אַלֶע מַחְשָׁבוֹת הָאט בֵּיילקֶע אִיבֶּער גִיטְרַאכְט אִין יֶענֶער וַויילֶע וָואס דִיא בָּאבֶּע הָאט זִיא גֶערֶעט דֶעם חָתָן, אוּנ הָאט דֶער צוּ גִיגֶעבֶּען אִיר הַסְכָּמָה, דִי שִׂמְחָה פוּן טְרַיינֶע הָאדֶען, אִיז גִיוֶועזֶען אֵין לְשַׁעֵר, הַאלְבּ אַרְבֶּעט אִיז אִיר אָנְגִיקוּמֶען אָן אַשׁוּם טִרְחָה, „מִסְתַמָא אִיז דָאס אַבַּאשֶׁערְטֶע זַאךְ, אוּנ אִיךְ דַארְף זַיין דִי שָׁלִיחַ'טֶע" הָאט זִיא מִיט זִיךְ גִיטְרַאכְט לוֹיפֶענְדִיג אִין אַיין אָטְהוּם, צוּם חָתָן, הֶערֶען זַיינֶע דִבּוּרִים . . .

(צווייענדיגער תנאים)

אוּנ

אוּנ דֶער חָתָן, הָאט שׁוֹין פוּן גַאנְץ לַאנְג גִיהֶערְט רֵיידֶענְדִיג פוּן בּיילְקֶעס גוּטֶע מַעֲלוֹת, אוּנ וֶוען עֶר וָואלְט נִיט גֶעהַאט אַיין אַנְדֶער שְׁטִיקֶעלֶע אַרוֹיס קוּק... וָואלְט עֶר אַלֵיין גִישִׁיקְט אַשַׁדְכָן... נָאר דֶער „אַרוֹיס קוּק“ הָאט אִיהם „גִיפְלָאנְטֶערְט“ עֶר הָאט נִיט גִיווּאוּסְט, אוּנ נִיט גִיקָאנְט זִיךְ גֶעבֶּען אַיין עֵצָה... אוּנ אַזַא גוּטֶען פְרַיינְד, בַּייא וֶועמֶען פְרֶעגֶען, הָאט עֶר אוֹיךְ נִיט גֶעהַאט, נָאר אִיצְט אַז טְרֵיינֶע הָאדֶע אִיז גִיקוּמֶען, הָאט זִיא אָפּ גִיבְּלָאזִין זַיינֶע אַלֶע פּוּסְטֶע חֲלוֹמוֹת, זִיא הָאט אַרָאפּ גֶעצְווּינְגֶען דֶעם וָואג-שָׁאל אוֹיף אִיהר זַייט.

עֶס אִיז מִיט צְוֵויי טָאג שְׁפֶּעטֶער גִיוֶוען תְּנָאִים בַּיי פֵּייוִויל הֶעם לַאנְגֶען מִיט בּיילְקֶע דִי דִינְסְט מֵיידִיל; דֶער תְּנָאִים אִיז גִיוֶוען, טַאקֶע בַּייא בּיילְקֶעלֶעס גוּטֶע בַּעֲלָה׳בַּית׳טֶע, אִין שְׁטוּבּ, עֶס זַיינֶען פַאר בֶּעטִין גֶעוֶוען אַפָּאר מְנָיָנִים אַלֶע פַיינֶע בַּעֲלֵי בַּתִּים, פַיינֶע מֶאנְשִׁין אַלֶע הָאבֶּען גֶעוואוּנְשִׁין דִיא צְוֵויא יוּנְגֶע עֶרְלֶעבֶע אוּנ עֶלֶענְדֶע קִינְדֶער פִיל גְלִיק, אַסַאךְ גוּטֶען מַזָל, עֶס אִיז גִיוֶוען שָׂשׂוֹן וְשִׂמְחָה, דִי בָּאבֶּע טְרֵיינֶע הָאדֶעס שִׂמְחָה אִיז גִיוֶוען גְרוֹיס.

נָאר וִויא אַלֶע אִידִישֶׁע שִׂמְחוֹת, גִידוֹיעֶרְט זַייעֶר אַקְלֵיינֶע וַוייל, אוּנ לָאזֶען זִיךְ אוֹיס מִיט טְרֶערֶען, דָאס זֶעלְבִּינֶע אִיז גִיוֶוען מִיט דִי בַּאבֶּע טְרֵיינֶע הָאדֶעס שִׂמְחָה!

גַאנְצֶע פִינְף חֳדָשִׁים זַיינֶען פַאר בַּייא גִיגַאנְגֶען נָאכֶען תְּנָאִים פֵּייוִויל מִיט בּיילְקֶען זַיינֶען שׁוֹין אַסַאךְ מָאל שְׁפַּאצִירִין גִיגַאנְגֶען אִין גָארְטֶען, אִין בּוּלְוַואר, בּיילְקֶע הָאט דֶעם חָתָן גֶעקוֹיפְט אַגוּטֶען זֵייגֶער, אוּנ עֶר זִיא, הָאט גִיקוֹיפְט פִינְגֶערְלֶעךְ דְרַייא גָאלְדֶענֶע, אַבְּרַאשְׁלֶעט מִיט אַקִיטֶעלֶע; זַייא זַיינֶען אֵיינְס פוּן דִיא אַנְדֶערֶע הֶעכְּסְט צוּ פְרִידֶען, זַייא הָאבֶּען שׁוֹין זָאגַאר אוֹיף גִיהֶערְט זָאגֶען אֵיינֶע דִי אַנְדֶערֶע „אִיהר“! אוּנ הָאבֶּען אִים פַארְבִּיטֶען אוֹיף דֶעם פְרַיינְדְלִיכְסְטֶען בֶּעסְטֶען וָוארְט „דוּ“; אוּנ אַט... אַט רֶעט מֶען שׁוֹין פוּן חֲתוּנָה, מֶען מַאכְט שׁוֹין חֲבָנוֹת; גוּטֶע מֶאנְשֶׁען הֶעלְפִין דֶער צוּ

יֶעדֶער פוּן זַיין צַד : אַלֶעס אִיז שׁוֹין פַּארְטִיג , אַלֶעס אִיז שׁוֹין צוּא גֶעגְרֵייט, אַלֶע וַוארְטִין, אַלֶע צֵיילֶען דִי טָאג, דִי שָׁעָהן, אָט אִיז גִיבְּלִיבִּין נִיט מֶער וִויא צְוַויי טָאג צוּ דִיא הַתוּנָה .

אוּנ פְּלוּצְלוּנְג , הָאט דֶער עוֹלָם , דִי גַאנְצֶע שְׁטָאט אָנְגִיהֵייבִּין בַּעשִׁין , קאכֶען , שְׁטוּרְמֶען , אוּנ זִיךְ וִויגֶען , אוּנ וואוּ צְוַויי מַאנְשִׁין גֵייעֶן, וואוּ דְרַיי שְׁטֵייעֶן , הֶערְט מֶען נָאר : — „נוּ ? וָואס זָאגְט אִיהר צוּ אַזוֹי אַיין אַקְט . . .״ אִיז דֶער שֵׂגֶץ נִיט וֶוערְט מֶען זָאל אִים זַיינֶע בֵּיינֶער צוּ בְּרֶעכִין ? הַא ? וֶועט אִים גָאט מוֹחֵל זַיין ? . . . וִויא נֶעמְט מֶען אַ אִידִישֶׁע טָאכְטֶער אַ יְתוֹמָה נֶעבֶּעךְ, אַיין עֶלֶענְדֶע , אוּנ מֶען אִיז אַזוֹי מְבַיֵישׁ ? שְׁטֵייטְשׁ צְוַוייא טֶעג פַּאר דֶער חוּפָּה, נַוארְפְּסְט דוּא דִיא כַּלָה אוּנ וֶוערְסְט אַחָתָן פַאר אַיין אַנְדֶערֶע !״ נָאר דִיא אַלֶע רֵייד , אֲפִילוּ דִיא בָּאבֶּע טריינע האדעס גֶעשְׁרֵייעֶן, הָאבֶּען אוֹיךְ גָאר נִיט גִיהָאלְפֶען , פּייוויל דֶער לַאנְגֶער הָאט זִיךְ גַאנְץ וֵויינִיג אִיבֶּער גִישְׁרָאקֶען , עֶר הָאט גִיוואוּסְט אַפָּנִים , אַז אַזֶעלְכֶע „אַקְטִין״ טְהוּעֶן זִיךְ אָפּ בַּייא אִידֶען לָרוֹב , אָפְּט מָאל אַבִּיסֶעלֶע גְלַאטֶער , אַקַאפֶּעלֶע עֶדֶעלֶער , נִיט אוֹיף פייווילס שְׁנִיט אִין גַאנְצֶען ; אוּנ נָאךְ אַלֶעס דִינְג שַׁאט קֵיינֶעם נִיט , צוּא מִזְרַח־וַואנְד, אוֹיךְ נִיט צוּ אוֹר זָרוּעַ .

אַוָואךְ פִיר אָדֶער מֶער הָאט בּיילקעלע זִיךְ גִישֶׁעמְט כְּבוּשֶׁת גַנָב , נִיט גֶעוִויזֶען דִיא אוֹיגֶען , אוֹיף דֶער וַוייסֶער וֶועלְט , אוּנ שְׁטִילֶערְהֵייט הָאט זִיא נִיט גִיקַארְגְט אִין עֶטְלִיכֶע הֵייסֶע וַוארֶעמֶע טְרֶערֶען ; נָאר צוּם לֶעצְט אִיז זִיא צוּם שֵׂכֶל גִיקוּמֶען , „אַז פָּטוּר וֶוערֶען פוּן אַצָרָה אִיז בֶּעסֶער אוּנ גְלַייכֶער , וָואס פְרִיעֶר, אֵיידֶער מֶען פַאר קְרִיכְט צוּ וַוייט . . . בֶּעסֶער אִיצְט וִויא אַיָאהר נָאךְ דִיא חֲתוּנָה . . . מַיין בִּיוּשׁ אִיז נָאר אוֹיף דִי וַויילֶע, אוּנ זַיין „בִּזָיוֹן״ וָואס עֶס אִיז בַּייא אַלֶעמֶען אִין דִי אוֹיגֶען אַזוֹי נִידֶערִיג, אַזוֹי שָׁפָל גִיוָוארִין ,

(צווייענדיגער תנאים)

בלייבּט

בְּלַייבְּט אוֹיף אֵיבִּיג! אִיךְ וֵויין אִיצְט אוּנ עֶר וֶועט אֶפְשַׁר וֵויינֶען זַיין גַאנְצֶען לֶעבֶּען, וָואס אִיז? מִיר הָאבֶּען נִיט חָלִילָה קֵיין גָאט? אַפָּאטֶער פוּן יְתוֹמוֹת!"

אוּנ אַלֶע, אַלֶע הָאבֶּען ביילקעלען גִיטְרֵייסְט, אַלֶע הָאבִּין מִיט אִיר דִי גְרֶעסְטֶע מִיטְלַייד גִיהַאט, יֶעדֶער אֵיינֶער הָאט זִיא פַאר' זִיכֶערְט, אַז גָאט וֶועט זִיא אָפּ גֶעבֶּען אַסַאךְ בֶּעסֶערְס אוּנ פַיינֶערְס; ביילקעלע הָאט זִיךְ בֶּערוּהִיגְט, זִיא אִיז צוּרִיק בַּייא דִיא זֶעלְבֶּעגֶע גוּטֶע בַּעֲלַת'הַבַּיִת'טֶע, פַאר בְּלִיבֶּען אוֹיף אַגַאנְץ יָאהר דִינֶען.

3.

פייגעלע דִי פַאפִּירָאסִינְמַאכֶערִין אִיז אַוַויידְל בְּעֶרֶךְ אַיָאר 35; זִיא אִיז נִיט גָאר קֵיין הוֹיכֶע, נָאר דָער פַאר אִיז זִיא אַגִיזֶעצְטֶע אַדִיקֶע, אוּנ נִיט קֵיין מְאוּסֶע, פוּן דִי דָאזִיגֶע אוּמְנוֹת, פַאר דִינְט זִיא אִיר חִיוּנָה בְּכָבוֹד, אוּנ טַאקֶע דֶערִיבֶּער, מְהַאי טַעֲמָא, הָאט זִיא זִיךְ שׁוֹין גֶי-גֶט מִיט צְוַויי מַאנֶען.

פייגעלע הָאט אַקֵיילֶעכְדִיג צִינְגֶעל, אוּנ אִיז נִיט אַגְרָאבֶּע נַאר, זִיא זָאגְט: „זַיין אַנִבְנֵעת, פָאלְגֶען אַמַאן, אִים זַיין גִיהָארְכְזַאם,
דַארְפֶען אוּנ מוּזֶען, נָאר יֶענֶע וַוייבֶּער, וָואס חוּץ „קִינְדְלֶען" טוּיגִין„
זַיי גִיט אוֹיף דֶער וֶוועלְט אוּנ טָאמֶער פַאר בְּרוֹגְזְט זִיךְ דֶער„
מַאן, אוּנ פָארְט זִיךְ אַוֶועק קֵיין אַמֶערִיקַא, קֵיין אַפְרִיקָא, קֵיין„
אַזְיֶע, קָאסְט אִיהר דָער בְּרוֹגֶז גֶעזוּנְד מִיט לֶעבֶּען וָוארוּם נִיט„
קָאנֶענְדִיג אַלֵיין פַאר דִינֶען אַפְּרוּטָה, מוּז זִיא פוּן הוּנְגֶער„
שְׁטַארְבֶּען, אָדֶער אָנְקוּמֶען צוּ בֶּעטִיל בְּרוֹיט! נִיט אַזוֹיא אִיז„
גֶאשְׁבְּרַאט, פוּן אוּנְזֶערְט וֶוענֶען, מָאנֶען דִי מַאנֶען לוֹיפֶען אוֹיסֶען„

„הויט . . . מִיר וֶועלֶען זִיךְ וֵוייניג בֶּעקִימֶערִין , מִיר דַארְפִין זַיי נִיט ; „ווילֶען זַיי אוּנְז . . . פָאלְגֶען , אוּנְז גֶעהָארְכַזַאם זַיין , אוּנְז שֶׁאצֶען „פַיינֶער בֶּעסֶער פוּן זִיךְ , אִיז רֶעכְט , אוֹיב נִיט דַארְף מֶען נִיט !" . . . אוּנ דִי דָאזִיגֶע הוֹיכֶע אִידֶייע , אָט דִי דָאזִיגֶע קְלוּגֶע מַחְשָׁבוֹת הָאט פַיינֶעלֶע אַרוֹיס גִיזָאגְט , אוּנ גִיטַעֲנְהֶט מִיט אִיר עֶרְשְׁטִין מַאן , אוּנ צְוֵוייטֶען , מַאן , פוּן אוֹיף מָארְגֶען נָאךְ דִיא חוּפָּה ; אוּנ וִויא אוֹיף לְהַכְעִיס הָאט זִיא בֵּיידֶע מָאל , דֶער אוּנְגְלִיק „פַאר שְׁלֵייעֶרְט" מִיט מְשׁוּגָעִים , מִיט עַקְשָׁנִים , אוּפְּאַרְטֶע , לְהַכְעִיסְנִיקֶעס , וָואס הָאבִּין נִיט גִיוָואלְט מַסְכִּים זַיין צוּ אִיר מֵיינוּנְג , אוּנ הָאבֶּען זִיא גֶעוָואלְט דֶער וַוייזֶען . אַז זִיא מִיט אִיר גַאנְצֶע פַּרְנָסָה הָאבֶּען בַּייא אִים אַפְּנִים פוּן צֶעהן מָאל חוֹזֶק , זִיא הָאט נִיט בַּיי זַייא קַיין שׁוּם דֵעָה , קַיין שׁוּם כָּבוֹד ; אָט הָאט פַיינֶעלֶע מִלְחָמָה גִיהַאלְטִין פַאר אִיר הֵיילִיגֶע אִידֶייע , (וִויא אַלֶע אִידִישֶׁע אִיבֶּערַאלִיסְטִין . ., מִיט גְרוֹיס פַייעֶר , מִיט מוֹרָא'דִיגֶע הִתְלַהֲבוּת , אוּנ מִיט שְׁטֶענְדִיגֶען וֶוערְטֶעל : „אִיךְ לַאךְ פוּן אַייךְ מַאנְס לַייט !" זִיא הָאט זִיךְ אוֹיף דִי מַאגֶען יֶעדֶער מָאל , גֶעוָוארְפִין , מִיט אַלֵייכְטֶער אִין הַאנְד , מִיט אַיין אוֹיבֶער שְׁטוּיסְל . . . מִיט וָואס זִיא הָאט פַּאפַּאדֶעט ; דֶער סוֹף פוּן יֶעדֶער מִלְחָמָה אִיז גִיוֶועזֶען , אַז זִיא אִיז גִיקוּמֶען צוּם רָב , מִיט אוּנְטֶער גֶעשְׁלָאגֶענֶע „בֶּעבֶּעבֶעס" מִיט אוּנְטֶער גִיקְלַאפְּטֶע אוֹיגֶען , מִיט סִמָנִים פוּן פִינְגֶער אוֹיף אִירֶע שֵׁיינֶע בַּאקֶען , אוּנ פְּלֶעגְט גֶעמֶען גֵט . . .

פַיינֶעלֶע הָאט בְּשׁוּם אוֹפֶן נִיט גֶעקָאנְט פַאר שְׁטֵיין , אַז דֶער „לֶעבֶּען" צְווִישֶׁען מַאן אוּנ פְרוֹי , בַּאשְׁטֵייט נִיט פוּן הַאר אוּנ דִינְסְט , אָדֶער הַארִינְטֶע אוּנ קְנֶעכְט , מִיט אִיר גֶעמֵיינֶעם פַאר שְׁטַאנְד , הָאט זִיא נִיט גֶעקָאנְט בַּאנֶעמֶען , אַז מַאן אוּנ פְרוֹי דַארְפֶען זַיין צְווִישֶׁען זִיךְ , לְפָּחוֹת וִויא צְוֵויי גוּטֶע עֶרְלִיכֶע שׁוּתְּפִים , וָואס זַיינֶען מְחוּיָב , יֶעדֶער זַאךְ , יֶעדֶער עֵסֶק , יֶעדֶער עִנְיָן , בֶּעקְלֶערֶען אוּנ בֶּעטְרַאכְטֶען , וִויא בֶּעסֶער , אוּנ גְלַייכֶער אִיז ; יֶעדֶער אִיז מְחוּיָב אוֹיס הֶערֶען דֶעם צְוֵוייטִינְס דֵעָה , זַיין מֵיינוּנְג , אוּנ מִיט דַעַת מִיט

שֵׂכֶל, דַארְפֶען בֵּיידֶע צְדָדִים אוּיס קְלַייבֶּען, אוּנ מַסְכִּים זַיין צוּ דֶעם מֵיינוּנְג וָואס בֵּיידֶע גֶעפִינֶען אִים פַאר רֶעכְט, גוּט אוּנ גְלַייךְ; אוּנ וָוען בֵּיידֶע דֵעוֹת וַוייזֶען זִיךְ אוּיס פַאר גְלַייךְ אוּנ גוּט, דַאן אִיז יֶעדֶער צַד מְחוּיָב עֶטְוָואס צוּ לָאזֶען פוּן זַיין דֵעָה, מַאכֶען אַשְׁטִיקְעלֶע הַנָחָה, כְּדֵי אַז פוּן בֵּיידֶע פֶּעסְטֶע דֵעוֹת זָאל זִיךְ שְׁלִיסֶען אֵיין דֵעָה אַגוּטֶע, בֵּיידִינְס מַחְשָׁבוֹת זָאלִין זִיךְ צוּ זַאמֶען גִיסֶען אִין אֵיין הוֹיכֶער קְלוּגֶע גְלַייכֶע עֵצָה וּמַחְשָׁבָה! אַסַאךְ מָאל אִיז יֶעדֶער שׁוּתָּף מִצִדוֹ מְחוּיָב, אוּיבּ עֶר אִיז גִינְצִיג, גִיטְרַאי דִי שׁוּתְּפוּת, צוּ שְׁוַוייגִין... אִיבֶּער שְׁוַוייגֶען... אַרִיבֶּער לָאזֶען, „נִיט שְׁטֶעלֶען אוּיף דִי פִּיסְלֶעךְ"... נִיט מַאכֶען פוּן אַוָוארְט אַקְוָוארְט... מִיט אַלֶע מֶיגְלִיכְקֵייט פַאר שְׁטַארְקֶען דֶעם אַחְדוּת, דֶעם שָׁלוֹם מִיט דִי לִיבְּשַׁאפְט, אוּנ לְסוֹף קוּמֶען זֵיי, מִיט דֶעם דֶרֶךְ, צוּ דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵגָה פוּן אוּנְגְלִיקְלִיכֶען לֶעבֶּען. זֵיי וֶוערֶען צְוַויי גְלַייכֶע חֲבֵרִים, צְוַויי חֲבֵרִים מִיט אֵיין מַחֲשָׁבָה, מִיט אֵיין רָצוֹן, אוּנ מִיט אֵיין נְשָׁמָה! חֲבֵרִים וָואס לֶעבֶּען נִיט פַאר זִיךְ, נָאר פַאר דֶעם צְווֵייטֶען, וָואס טֵיילֶען זִיךְ לֵיידֶען מִיט פְרֵיידֶען גְלַייכֶע חֲלָקִים; חֲבֵרִים וָואס הֶעלְפֶען, וָואס שְׁטִיצֶען, וָואס זָארְגֶען, אֵיינֶע פַאר דִי אַנְדֶערֶע אִין דִיא גוּטֶע צַייטִין, אוּנ פְּשִׁיטָא בַּייא דִי שְׁלֶעכְטֶע צַייטֶען בְּשַׁעַת וֶוער פוּן זֵיי וֶוערְט קְרַאנְק, נִיט גֶעזוּנְד, א. ז. וו.

פַייגֶעלֶע הָאט דֶער פוּן נִיט גֶעוָואלְט וִויסֶען, נָאכֶען צְוַוייטִין גֶט הָאט זִיא גֶעזָאגְט. — „פוּן דִי מַאנְסְלַייט, אִיז אֵיינֶער אַרֶערְגֶער נִיט פַאראַן. אוּיס, מֶער וִויל אִיךְ זֵיי נִיט קָאנֶען, אִיךְ וֶועל אַצֶענְטֶע פַאר זָאגֶען!"

בַּייא דִי דָאזִיגֶע פַייגְלֶען הָאט זִיךְ גִילֶערִינְט דִי מְלָאכָה דְרַייא יָאהר בְּסֵדֶר אוּנְזֶער אַבִּיסֶעלֶע בֶּעקַאנְטֶע פֶּעשֶׁע הִיעֶנֶע, אוּנ פַאר דִי דְרַייא יָאהר הָאט זִיא אוּיס גִילֶערִינְט דִיא מְלָאכָה, צוּ זַאמֶען מִיט פַייגֶעלֶעס טֶבַע, מִיט אִיהר כַארַאקְטֶער, מִיט אִירֶע עַקְשָׁנוּת, מִיט אִירֶע קַאפְּרִיזִין...

(צווייענדיגער תנאים) פעשע

פעשע חיענע איז גֶעוֶוען אַמֵיידֶעלֶע אין די יָארֶען וָואס אויף יֶענֶער זייט צְוַואנְצִיג, און הָאט גַאנְץ עֶרְלֶעךְ גֶעשְׁמֵייכֶעלְט צוא אַלֶע קַאוָועלֶערִין. — צְוִוישֶׁען אירֶע בֶּעקַאנְטֶע זַייגֶען גֶעוֶוען דיא צְוַוייא בַּחוּרים פייוועל דֶער לַאנְגֶער, און לֶעקֶעש דֶער מַמְזֵר, צְוַויי שְׁנַיידֶער אַרְבֶּעטֶער וָואס הָאבֶּען גֶיאַרְבֶּעט בַּייא איהר בְּרוּדֶער חייקיל דיא קְרוּמֶע אֵייגֶעל.

פעשע חיענע הָאט גיחַלְשְׁט נָאךְ לעקעשעס טְרִיט, און הָאט מִיט פֵּייֶער גִישְׁפַּייט אויף דֶעם מָאוּסִין פייוולען; לעקעש איז בַּייא איר גֶעוֶוען אַמַלְאַךְ, און פייוויל אַשְׁטִיקֶל בְּלָאטֶע... פַאר לעקעשין וָואלְט זיא אָפּ גֶעגֶעבֶּען איר לֶעבֶּען, און בַּיי פייוולען אָפּ גֶענוּמֶען זַיינֶע יָאהרֶען און טֶעג.

חייקל די קְרוּמֶע אֵייגִיל (עֶר איז גֶעוֶוען קַאסָאק אויף אֵיין אויג) עֶר איז אָבֶּער גֶעוֶוען אַשְׁנַיידֶער נִיט קֵיין שׁוֹטֶה, עֶר הָאט גִיוואוּסְט גְרוּנְדְלִיךְ דֶעם גְרוֹיסֶען חילוק צְוִוישֶׁען די צְוַויי בַּחוּרים, אַז פייוועל איז אַמֵייסְטֶער, און אַיין עֶרְלִיכֶער מֶענְש, און לעקעש איז אַהִיצִיל, אַשַׁארְלַאטַאן, און אַנָאר נִישְׁט, וִוינְט שְׁטוּיבּ און רויךְ, וִוייסֶענְדִיג וויא נַאייט זיין שְׁוֶועסְטֶער הָאט אין די בֵּיידֶע בַּחוּרים אַטָעוּת, און אויב זיא וֶועט חֲתוּנָה הָאבֶּען מִיט לעקעש דֶעם מַמְזֵר, וֶועט זיא דיא אוּנְגְלִיקְלִיכְסְטֶע זיין אויף דֶער גַאנְצֶער וֶועלְט, הָאט עֶר זיךְ גִישְׁטֶעלְט אויפֶען מִיטֶען וֶועג, און גִיט דֶער לָאזֶען צוּם שִׁדּוּךְ מִיט לעקעשין.

— „נֵיין מַיין שְׁוֶועסְטֶער!“ הָאט חייקל גֶעזָאגְט: „דוּא זָאלְסְט מִיר פָאלְגֶען, איךְ מֵיין און וִויל גֶעוִויס דַיין טוֹבָה, דַיין גְלִיק; אוּנְגְלִיקְלִיךְ וֶועסְט דוּ זיין פַאר לעקעשין, דוּא קוּק נִיט אויף זַיינֶע אִיצְטִיגֶע חֲנְדְלֶעךְ, עֶר וֶועט דִיר בַּאנֶעמֶען און וֶועט אַנְטְלוֹיפֶען דֶעם עֶרְשְׁטֶען חוֹדֶשׁ נָאךְ דַיין חֲתוּנָה, עֶר איז אַיוּנְג מִיט „אַבִּינְטֶל פִינְגֶער“ עֶר וֶועט דִיר דַיינֶע בֵּיינֶער זִיבֶּען מָאל אַטָאג צוּ בְּרֶעכֶען, דוּ וֵוייסְט נִיט וָואס פַאר אַכָּל בּוֹנִיק, אַמַמְזֵר דָאס איז! אָט זֶעהסְט דוּ, פייוויל, (אויפֶן קוּק איז עֶר דָאךְ „אַלֶעמֶעשֶׁקֶע“ אַמָאוּסֶר, אַנַאר, אָבֶּער אין תּוֹךְ אַבַּיין,

(צווייענדיגער תנאים) איז

אִיז וַוייט צוּ גֶעפִינֶען אַזַא פַּיינֶעם, עֶרְלִיכֶען, אוּנ שְׁטִילֶען בָּחוּר, דוּ וֶועסְט בַּיי אִים זַיין דִי גַאנְצֶע דֵעָה, דִי קָאפּ אוֹיף דִיא פְּלֵייצֶען; עֶר הָאט דִיר לִיבּ, עֶר חַלֶשְׁט נָאךְ דִיר, עֶר הָאט מִיר שׁוֹין הוּנְדֶערְט מָאל גֶעזָאגְט: „עֶר נֶעמְט דִיר אָן אַקָאפּיֶקע נַדָן!“

— עֶר אִיז דָאךְ שׁוֹין אַחָתָן...

— לָאךְ דֶער פוּן, זָאג אִיךְ אִים הַיינְט אֵיין וָוארְט, זָאגְט עֶר אָפּ דֶעם שִׁדוּךְ, דָאס אִיז עֶר אַחָתָן גִיוָוארֶען פוּן צָרוֹת, פוּן יְסוּרִים, זֶעהֶענְדִיג אַז דוּ ווילְסְט אִים נִיט...

— רִיכְטִיג, אַזוֹי טֵייעֶר בִּין אִיךְ בַּייא אִים? הָאט פֶעשֶׁע חִיעֶנֶע גֶעזָאגְט: „אַדְרַבָּה, פָאלְג אִיךְ דִיר מַיין בְּרוּדֶער!...“ אוּנ אוֹיף פֶעשֶׁע חִיעֶנֶעם לִיפֶּעלֶעךְ הָאט זִיךְ גִיוִויזֶען אַשְׁמֵייכֶעלֶע טְרַאכְטֶענְדִיג, אַז אִין אֶמֶת'ן נַארְט זִיא דָאךְ הָאבֶּען אַזַא מַאן, וָואס זִיא זָאל קָאנֶען זַיין אִיבֶּער אִים אַגִיוֶועלְטִיגֶערֶען, וָואס זִיא זָאל קָאנֶען פִירֶען גַאנְצֶע „רַאנְדֶעס“ אַז אִיהר ווירְטֶען פֵייגֶעלֶע, זָאל מְקַנֵא זַיין אִיר מַזָל, — דֶעם זֶעלְבִּיגֶען טָאג הָאט חייקל אִיבֶּער גֶערֶעט מִיט פייוולען, אַז זַיין שְׁוֶועסְטֶער אִיז סַאגְלַאסְנֶע וֶוערִין זַיין כַּלָה אוּנ פְרוֹי.

פייוויל חָאט בְּשַׁעַת מַעֲשֶׂה גִיקְוֶועצְט אַבִּיסֶעל מִיט דִי אַכְּסְלֶען, עֶר אַלֵיין הָאט אוֹיךְ פַּאר שְׁטַאנֶען, אַז עֶר וֶועט טָאן אַגְרוֹיסֶע נְבָלָה, אַשְׁרֶעקְלִיכֶע עַוְלָה; נָאר פייוויל אִיז גֶעוֶוען, וִויא אַשְׁטִיקְל טֵייג, וִויא אַשְׁטִיקְל וַואקְס, וָואס יֶעדֶער הָאט זִיא גֶעקָאנְט קְנֶעטִין וִויא עֶר וויל; חייקל הָאט אַפֶּערְטֶל שָׁעָה גִירֶעט, עֶטְלִיכֶע הֵייסֶע טַארֶעמֶע וֶוארְטֶער אוּנ הָאט גִיפּוֹיעֶלְט בַּייא פייוולען; פייוויל הָאט אָפּ גֶעזָאגְט זַיין כַּלָה; זַיין בֵּיילְקֶעלֶען, אוּנ אִיז אַחָתָן גִיוָוארֶען פַאר פֶעשֶׁע חִיעֶנֶען, פַאר דִי מֵיידִיל וָואס עֶר חָאט זִיא אַלֶע מָאל לִיבּ גֶעהַאט, וִויא דֶעם לֶעבֶּען, אוּנ וָואס מֶער זִיא אִיז פוּן אִים גֶעלָאפֶען, אוֹיף אִים גִישְׁפַּייט אַלֶעס מֶער, הָאט עֶר זִיא לִיבּ בַּאקוּמֶען, אוּנ גְרֵייט גֶעוֶוען אָפּ גֶעבֶּען, זַיין גַאנְצֶען לֶעבֶּען, פַאר דִיא מְצִיאָה, פַאר דֶעם טֵייעֶרֶען אוֹצָר...

נָאר דֶער נַארֶעשֶׁער פּייוויל, הָאט זיךְ גֶענַאַרְט, מוֹרָא'דִיג אָפּ גֶענַאַרְט, זַיין טָעוֹת הָאט עֶר בַּאלְד אוֹיף דִיא צְוֵוייטֶע וָואךְ, נָאךְ זַיין הַתּוּנָה אַרוֹיס גִיזֶעהְן, נָאר הֶעלְפֶען הָאט עֶר זיךְ נִיט גֶעקָאנְט; פּייווילס צָרוֹת זַיינֶען גִיוַואקְסֶען פוּן שָׁעָה צוּא שָׁעָה; פֶעשֶׁע חיענע הָאט אוֹיף אִים גִיהֶארְשֶׁעוֶעט מִיט אִיר גַאנְצֶע מַאכְט אוּנ קְרַאפְט, דֶער עֶרְגְסְטֶער אוֹיבֶּערְהַאר בַּאגֵייט זִיךְ מִיט זַיין פַּאר זִינְדִיגְטֶען קַאטֶערְזְשְׁנִיק פִיל בֶּעסֶער; נָאר מִיט דִיא אַלֶע קוֹלוֹת, קְלָלוֹת, גְוַואלְדֶען, גֶעשְׁרֵייעֶן, אוֹיךְ מִיט דִי אָפְּטֶע שְׁטִילֶע „קְנִיפּ" וָואס פֶעשֶׁע חיענע פְּלֶעגְט אִים פּייוולען מְכַבֵּד זַיין בִּמְקוֹם אַיין אִיבֶּערְבַּייסֶען, בִּמְקוֹם אַמִיטָאג, אִיז עֶר שׁוֹין גֶעוָואהְנְט גֶעוֶועֶן, נַאטוּר וִויא דֶער אָקְס מִיט זַיין שָׁאכֶע, עֶר הָאט גֶעשְׁוִויגֶען אוּנ גֶעלִיטֶען, גִיקְוֶועצְט אוֹיפֶען הַארְצֶען, נִיט גֶעהַאט אַיין גוּטֶען פְרַיינְד, פַאר וֶועמֶען אוֹיס דֶער צֵיילֶען זַיינֶע גְרוֹיסֶע צָרוֹת, זַיין בִּיטֶערֶע הַארְץ, אוּנ בֶּעטֶען זַיין עֵצָה; זַיינֶע צָרוֹת זַיינֶען אָבֶּער גְרֶעסֶער שְׁטַארְקֶער גֶעוָוארִין, זַייא הָאבֶּען אִים צוּ גֶעטְרָאטֶען גָאהֶענְטֶער צוּם הַארְצֶען, פּייוויל הָאט מוֹרָא גֶעהַאט פַאר זִיךְ אַלֵיין, עֶר הָאט גֶעפִילְט אַז עֶס בְּלֶענְט אִים דֶער קָאפּ, עֶס הֵייבְּט זִיךְ דֶער מוֹחַ, עֶר רִירְט זִיךְ פוּן זִינֶען.

—⊷⊶—

# 4.

## דֶער גְרוּשׁ.

— „וואוּ אִיז גֶעוֶוען מַיין דֵעָת, מַיין שֵׂכֶל? ..." טְרַאכְט מִיט זִיךְ פּייוויל, זִיצֶענְדִיג בַּיי זַיין שְׁנַיידֶער טִישׁ, הַאלְטֶענְדִיג אִין דִיא הֶאנְד אַפָּאר אַרְבִּיל פוּן אַשְׁטִיק אַרְבֶּעט: „וִויא אַזוֹי הָאבּ אִיךְ זִיךְ גֶעלָאזֶען אַיין רֵיידֶען פוּן אִיר, אִיךְ זָאל נֶעמֶען לֶעקֶעשׁ דֶעם מַמְזֵר פַאר אַיין אַרְבֶּעטֶער... הָאבּ אִיךְ בַּאלְד גִיט גֶעדַארְפְט פַאר שְׁטֵיין? ... וַוייס אִיךְ גָאר נִיט אַז זִיא אִיז מִיט לֶעקֶעשֶׁען גִיוֶוען אַיין

לייב און זעעל? אז זיא האט דורך אוים געוואלט נאר זיין כלה זיין? אז זיא האט מיר פיינט געהאט וויא אגוטער איד אפאלשען? און איצט? האט זיא מיר ליב? איצט איז זיא מיינע?... אבער וואס טוט מען? גיין שרייען אין די גאסען? גיין צום רב, און אים דער ציילען פשוט דעם אמת... אז איך האב מיט מיינע אויגען גיזעהן... נאר וויא קאן איך דאס דער ציילען? וויא גרוים איז דיא בושה!...

באי דיא לעצטע ווארטער, האט פייוויל, מיט ביידע האנד פאר דעקט זיין פנים, און זיך ביטערליך צו גוויינט...

— „נאר זאל זיין וואס עס וויל!" טראכט פייוויל ווידער; זאל מען לאכען פון מיר, ווער עס וויל, און וויפיל מען וויל! זאל לאכין די גאנצע שטאט מאנשען, אפילו ביילקעלע אויך... איך האב דאס כשר פאר דינט, מען רופט מיר נאר, און איך בין אנאר... איז דאס ניט אנארעשקייט? דארף איך דען ניט זייא ביידען ארוים טרייבען, ארוים יאגען, וויא די הינד? דארף איך דען ניט, לעקעש דעם ממזר, צו ברעכען זיינע ביינער? נאר אז איך קאן דאס ניט, בין איך דאך לפחות מחויב, גיין צום רב, אים מגלה זיין דעם מאוס'ן אמת... זיא איז דאך איין אשת איש... און פאר וואס זאל איך טאקע שוין, טאקע באלד גיט גיין? פאר וואס לייג איך אפ פון טאג אויף טאג? איך גייא! איצט איז דיא רעכטע דיא בעסטע צייט, זיי זיינען ביידע אוועק גיגאנגען אין בולוואר:.. זיי שפאצירען זיך אום ווער ווייס וואו היען? וואו זייערע ערטער זיינען? אט איצט גייא איך! פייוויל האט זיך אהייב גענעבען פון זיין ביינקל מיט אזא מין גרויסען אינפעט, וויא אימיצער וואלט אים גענאנט, געטריבען, געשלאגען אין קארק „פייוויל גייא גיכער!"

פייוויל האט אויף זיך ארויף גיכאפט זיין ראק, גענומען זיין שטאקל אין האנד, און ארוים געלאפען אויפען גאס.

דער קילער ווינטעלע, מיט דעם פרישען לופט פון דרויסען

הָאט פייוולען אָפּ גֶעקִיהלְט. עֶר אִיז גֶעקוּמֶען צוּא זִיךְ, אוּנ הָאט זִיךְ אַוויילֶע גֶעשְׁטֶעלְט.

— „גֵייא אִיךְ טַאקֶע צוּם רָב?" הָאט עֶר ווִידֶער מִיט זִיךְ אָנְגֶעהֵייבֶּען טְרַאכְטֶען נוּ? וָואס וֶועט אָבֶּער דֶער סוֹף זַיין? וֶועל אִיךְ זִיךְ נִיט מְבַזֶה זַיין אוּמְזִיסְט? וֶועל אִיךְ גִיט אוֹיף בּוֹרֶען אַחֲתוּנָה, וָואס אִיךְ וֶועל דַארְפֶען אַלֵיין דֶער כְּלֵי זֶמֶר זַיין? אוּנ טַאקֶע דֶער טֶאנְצֶער אוֹיךְ?... זָאל אִיךְ זִיךְ אוּמְקֶערֶען?... קוּקִין אוּנ שְׁווַייגֶען, זֶעהֶן אוּנ לַיידֶען? דָאס קָאן אִיךְ נִיט... אִיךְ מוּז גֵיין צוּם רָב! אָבֶּער וָואס וֶועל אִיךְ אִים זָאגֶען? ווִיא אַזוֹי דֶער צֵיילְט מֶען אִים, אַז עֶר זָאל אַלֵיין פַּאר שְׁטֵיין? נָאר גָאר נִיט, עֶר אִיז אַרָב, מִסְתַּמָא וֶועט עֶר אַלֵיין פַּאר שְׁטֵיין... וָואס גָאט וֶועט גֶעבִּין, דָאס וֶועט זַיין, אִיךְ גֵייא!...

מִיט דְרַיי שָׁעָה שְׁפֶּעטֶער, אִיז דֶעם רָבְ-ס שַׁמָש גֶעקוּמֶען, מִיט דִי מַאדַאם פֶּעשֶׁע היענע צוּם רָב.

פֶּעשֶׁע חיענע הָאט גַאנְץ פְרֵיילִיךְ מוֹדִיעַ גֶעוֶוען, אַז זִיא אִיז מְרוּצָה גֶט גֶעמֶען בַּאי פייוולען, מִיט אַזַא נַאר, ווַיל זִיא נִיט לֶעבֶּען.

דִי לֶעצְטֶע ווֶארְטֶער הָאבֶּען פייוולען ווִיא שְׁפִּילְקֶעס גִישְׁטָאכִין עֶר הָאט אוֹיס גֶעשְׁטֶעלְט זַיינֶע בֵּיידֶע אוֹיגֶען אוֹיף פֶּעשֶׁע היענען מִיט אַזַא תַּחֲנוּנִים קוּק, ווִיא עֶר וָואלְט זָאגֶען: „וָואס בִּין אִיךְ פַּאר אַנַאר? זָאג אַז דוּ ווִילְסְט מִיט מִיר נִיט לֶעבֶּען, ווַייל לעקעש דֶער מַמְזֵר, גֶעפֶעלְט דִיר בֶּעסֶער! אָבֶּער וָואס ווִילְסְט דוּא גַזְלֶנְטֶע פוּן מִיר?"

דֶער רָב הָאט אֲפִילוּ גֶעוָואלְט מַאכֶען אַשָׁלוֹם... (אָט וֶוער עֶס הָאט פַיינְט גֶעלְט! אוּנ מֶען זָאגְט אַז דִיא כְּלֵי קוֹדֶשׁ שְׁטַארְבֶּען פַּאר אַקָאפֵּיקֶע)! נָאר וָואס מֶער עֶר הָאט גֶעוָואלְט הָאט פֶּעשֶׁע היענע גֶעשְׁרִיעֶן אַז זִיא ווִיל נִיט, פֵייוויל אִיז שׁוֹין דַוְקָא מְרוּצָה

גָעשׁטַ... אוּנ דֶער רָב הָאט זִיךְ גֶעטוּיזְט נָעמֶען צוּא זַיינֶע כֵּלִים...

אוּיגֶענְבְּלִיקְלִיךְ אִיז בָּעשַׁאפֶען גֶעוָארֶען אַסוֹפֵר, מִיט עֵדוּת, מִיט אַלֶע מַכְשִׁירִים עֶס הָאט גֶעדוֹיעֶרְט אַקאָרְגֶע שָׁעָה צַייט, זַיינֶען דִי צְוַויי גֶעבּוּנְדֶענֶע, דִי צְוַוייא גִיפֶּענְטֶעטֶע. גִיטָען אָפּ גֶעבּוּנְדֶען, אָפּ גִיפֶּענְטָעט, אוּנ פְּרַאי; יֶעדֶער הָאט גֶעמָאנְט גֵיין וואוּ עֶר וִייל, אוּנ טָאהן וָואס עֶר וִוייל.

עֶטְלִיכֶע טָאג כְּסֵדֶר הָאט דֶער עוֹלָם גֶעהַאט צוּ רֵיידֶען, אוּנ צוּ דֶער צֵיילֶען, פוּן דֶעם פְּלוּצְלֶעכֶען גֶט; נָאר טַאקֶע בַּאלְד הָאט זִיךְ גֶעלָאזְט הֶערֶען נַאייֶעס אִיבֶּערֶן שְׁטָאט, אַז עֶס וָועט זַיין אַנַייעֶ חוּפָּה, אוּנ דָאס אִיז גֶעוֶוען אֶמֶת.

פֶּעשֶׁע חיענֶע דִי גְרוּשָׁה, הָאט זִיךְ גֶענוּמֶען מִיט לֶעקֶעשׁ דֶעם מַמְזֵר, עֶס אִיז גֶעוֶוען, דֶער צֵיילְט מֶען גָאר אַגְרוֹיס אַרְטִיגֶע סְעוּדָה, שָׂשׂוֹן וְשִׂמְחָה; לֶעקֶעשׁ אִיז גִיוָוען צוּ פְרִיעדֶען, פֶּעשֶׁע חיענֶע גֶעוִוים, דִי כְּלֵי קוֹדֶשׁ אוֹיךְ, אוּנ דָאס אִיז אַלֶעס גֶעוָוארֶען פוּן צְוַויי אוּנ צוּ פְרִיעדָענֶע...

נָאר אֵיין פֵייוויל אִיז גֶעוֶוען אוּנצוּפְרִידָען, וִויא פְרִיעֶר אַזוֹיא אִיצְט. דֶער נָאמֶען „גָרוּשׁ" אִיז בַּייא אִים גֶעוֶוען וַויא אַשְׁטֵיין אוֹיפִין הַאלְז, וָואס שְׁלֶעפְּט אִים, אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּיָה: עֶר אִיז בַּייא זִיךְ גֶעוֶוען זַייעֶר נִידֶער גֶעשְׁלָאגֶען, עֶר הָאט בַּייא זִיךְ גֶעפִיהְלְט אַז דָאס שְׁטְרָאפְט אִים גָאט, פַאר זַיין יֶענֶע גְרוֹיסֶע עַוְלָה, גֶעגֶען דִיא יְתוֹמָה.

(צווייענדיגער הנאים) איינער

## 5.

## דִיא בָּאבֶּע.

אֵיינֶער אַלֵיין אִין אַקְלֵיין צִימְמֶערִיל, וִיצְט פִּייוִויל דֶער לַאנְגֶער בַּייא זַיין גְרוֹיסֶען שְׁנַיידֶער טִישׁ, פַאר דְרַייט אַפּוּס אִיבֶּער אַפּוּס, שְׁטְרִינְגֶעוֶועְנְדִיג אַשְׁטִיק אַרְבֶּעט, אוּנ אִיז זֵייעֶר פַאר טְרַאכְט, וַוייל עֶ נֵייז רַייסְט זִיךְ אַרוֹיס פוּן זַיין בְּרוּסְט אַשְׁוֶוערֶער זִיפְץ, וָועלְכֶען פִייוִויל בַּאגְלֵייט אִים יֶעדֶער מָאל, מִיט אַיין אוּנְטֶערְבּוּרְצִין וָואס מֶען קָאן מֵיינֶען, דָאס אִיז אַמִין נִגוּן;..

נָאר אוּנְגֶעריכט, הָאט זִיךְ גִיעֶפִינְט דִיא טִיהר, אוּנ גַאנְץ שְׁטִיל גַאנְץ זַאכְט הָאט זִיךְ אוֹיפִין שְׁוֶועל גֶעוִויזִין דֶער גֶעלֶער אָבְּגִיבְּלַאקִירְטֶער שַׁאייל, וָואס פִייוִויל דֶער לַאנְגֶער הָאט אִיהם אַמָאל, מִיט אַיָאהר צֵייט צוּרִיק, זֵייעֶר גוּט גִיקָאנְט.

דֶעם דָאזִיגִין שַׁאייל הָאבִּין אַלֶע גִיקָאנְט, אוּנ וָוער עֶם הָאט אִים גִיזֶעהֶען, הָאט בַּאלְד גִיוואוּסְט, אַז אִינְעֶנְוֵוייטִיג אִין שַׁאייל גֶעפִינְט זִיךְ קֵיינֶע אַנְדֶערֶע, אוֹיסֶער דִיא בָּאבֶּע טְרֵיינֶע הָאדע! דֶער זֶעהֶענְדִיג דֶעם מָאל דֶעם בֶּעקַאנְטֶען שַׁאייל, אִיז פִייוִולֶען קַאלְט גִיוָוארִין, אִין זַיינֶע אַלֶע אֵבְרִים;.

וָואס עֶר הָאט זִיךְ אַזוֹי דֶער שְׁרָאקִין, הָאט עֶר אַלֵיין נִיט גִיוואוּסְט, עֶר הָאט גִימֵיינְט, אַז דִיא בָּאבֶּע טְרֵיינֶע הָאדע, אִיז גִיקוּמֶען זֶעהֶען אָן אִים נְקָמָה, אִיהם זִידְלֶען שִׁילְטִין, פְלוּכִין!

אַרַיין גֵייעֶנְדִיג מִיט בֵּיידֶע פִים אִין דֶעם קְלֵיינֶעם אֵיינְגִין חֶדֶר׳ל אוּנ צוּ מַאכֶענְדִיג דִיא טִיהר אַהִינְטֶער זִיךְ, הָאט זִיךְ דִיא בָּאבֶּע אוֹיס גִידְרֵייט מִיט דֶעם פָּנִים צוּ פִייוִולֶען. אוֹיס גִישְׁטָעלְט אוֹיף אִים אִירֶע בְּלִינְדְלִיכֶע אוֹיגֶען, אַרֶענֶעלֶע בֶּעטְרַאכְט פִייווִילס הַשְׁכְּבִינִין פָּנִים, אוּנ אַהוֹיכִין אַפְרֵיילֶעכֶען „גָאט הֶעלְף!“ גִיזָאגְט.

פִייוִויל הָאט קוֹים גִיעֶנְטְפֶערְט „אַגוּט יָאהר!“ עֶר אִיז אַזוֹי צוּ מִישְׁט גִיוֶועןְ, עֶר הָאט גָאר נִיט גֶעוואוּסְט, וָואס עֶר זָאל דָא טָאהְן,

בֶּעטִין דִיא בָּאבֶּען זִיצֶען, הָאט עֶר נִיט קֵיין בֵּיינְקִיל, נִיט בֶּעטִין זִיצִין, וָואס הָאט דָאס פַאר אַפָּנִים? אוּנ חוּץ אַלֶעס דֶעם, וָואס דַארְף זִיא אִים? וָואס וֶועט זִיא אִים זָאגִין?...

— „וָואס מַאכְסְט דוּ פֵייוועלֶע? לֶעבְּסְט דוּא? בִּיזְט דוּא שׁוֹין „גִילוֹיבְּט אִיז גָאט פָּטוּר גֶעוָוארֶען, פוּן דַיינֶע גְרוֹיסֶע צָרוֹת?"

דִיא דָאזִיגֶע עֶטְלִיכֶע וֶוערְטֶער הָאט דִיא בָּאבֶּע טרֵיינֶע תּאָדֶע גִיפְרֶעגְט מִיט אַזַא נִגוּן, מִיט אַזַא טָאן, וָואס אִין אִיהם הָאט זִיךְ גִיהֶערְט, גְרוֹיס מִיט-לַייד, אֶמֶתֶע רַחֲמָנוֹת, פוּן אַגֶעטְרַייֶע מוּטֶער, וָואס בֶּעזָארְגְט זִיךְ פַאר אִיר קִינְדְס יְסוּרִים אוּנ צַעַר, אוּנ אִיז מָלֵא שִׂמְחָה, אַז דֶער קִינְד אִיז פוּן זֵייא בֶּעפְרַייט גִיוָוארִין. — וִויא אַקִיהֶלֶער גֶעשְׁמַאקֶער וִוינְטֶעלֶע, אוֹיף אַצוּהִיצְטִין אַפַארְשְׁוִויצְטִין מֶענְשֶׁען, אִיז אִים זֵייעֶר לִיבּ, זֵייעֶר נִיחָא, אָט אַזוֹי לִיבּ אוּנ נִיחָא אִיז גִיוֶוען פֵייוועלֶען דִי בָּאבֶּעס וֶוערְטֶער, עֶר הָאט זִיךְ אַבִּיסִילֶע בֶּערוּהִיגְט, אוּנ אָפּ גֶעבֶּענְדִיג דִיא בָּאבֶּען דֶעם אֵיינְצִיגֶען בֵּיינֶקְעל, אוֹיף וֶועלְכֶען עֶר אִיז גִיזֶעסֶען הָאט עֶר גִיזָאגְט: „אִיךְ דַאנְק אַייךְ בָּאבֶּע! גִילוֹיבְּט אִיז גָאט אִיךְ בִּין שׁוֹין אִיבֶּער גֶעקוּמֶען, אוּנ אָפּ גֶעקוּמֶען!"

— „פִּיהַלְסְטוּ דוּ פֵייוועלֶע יָא, אַז דוּ הָאסְט גֶעדַארְפְט אָפּ „קוּמֶען? אִיצְט בִּיזְט דוּ אוֹיךְ מוֹדֶה? הַא פֵייוועלֶע? אִיצְט וֶועסְט „דוּ גְלוֹיבֶּען, אַז דִיא בָּאבֶּע הָאט גֶעמֵיינְט דַיין טוֹבָה, דַיין גְלִיק, „מֶער גָאר נִיט!"

— „אִיךְ בִּין מוֹדֶה, אֶמֶת בָּאבֶּע, אֶמֶת! אִיךְ בִּין וֶועהְרְט גֶעוֶוען דֶעם שְׁטֶעקִין... אִיךְ הָאבּ מַיינֶע צָרוֹת כָּשֵׁר פַאר דִינְט!"

— „וָואס טְרַאכְסְט דוּ אִיצְט טָאהְן פֵייוועלֶע? הַא?

— אִיצְט וִויל אִיךְ זִיךְ אַבִּיסֶעלֶע אָפּ רוּהֶען, אַבִּיסֶעלֶע אוּמְקוּקִין אוֹיף גָאטְ'ס וֶועלְט, קוּמֶען צוּ זִיךְ...

(צווייענדיגער תנאים)

— "זִיא הָאט דִיר אַפָּנִים גוּט אַרוּם גֶענוּמֶען ? . . .

— וָואס הֵייסְט בֶּענוּמֶען , אִיךְ בִּין גִיבְּלִיבִּין אָט וִויא אִיהר זֶעהט "קאק סְטָאי !" חוּץ דֶעם טִישׁ , מִיט דֶעם בֵּיינְקֶעל , מִיט דִיא נָאדְל — שֶׁער הָאט . זִיא מִיר , וָואס אַהָאר וָועהרְט נִיט אִיבֶּער גִילָאזִין . . .

— "וֵוייסְט דוּא שׁוֹין אַז זִיא הָאט חֲתוּנָה גֵיהַאט מִיט לֶעקְעשִׁין ?"

— "דָאס הָאבּ אִיךְ גִיוואוּסְט , טַאקֶע דֶעם עֶרְשְׁטִין חוֹדֶשׁ נָאךְ מַיין חֲתוּנָה , בַּאלְד וִויא עֶר אִיז צוּ מִיר אָנְגֶעקוּמֶען ; . .

— אַי ! אַי ! דָאס אִיז אַשְׁטִיק אַרוּרָה . . .

פַּייוִויל הָאט גֶעשְׁוִויגִין .

— אוּנ אַז אִיךְ וָועל דִיר פַּייוֶועלֶע , וִידֶער גֶעבֶּען אַגוּטֶע כַּלָה , וֶועסְט דוּ מִיר פָּאלְגִין ?

— עֶס קָאן זַיין , אִיךְ מֵיין אַז אִיךְ וָועל אַייךְ פָּאלְגִין !

— נַיין , פֵּייוועלע , דוּ רֵייד מִיט מִיר רֵיינֶע קְלָארֶע וָוארְטֶער נִיט "עֶס קָאן זַיין" "אִיךְ מֵיין" ווִילְסְט מִיר פָּאלְגִין ?

— אִיךְ וֶועֶ? אַייךְ פָּאלְגִין בָּאבֶּע ! נָאר אַרֶעכְטֶע אַגְלַייכֶע זַאךְ , אַי , אִיךְ הָאבּ שׁוֹין מוֹרָא !

— דוּ בִּיזְט מְרוּצָה אִיבֶּער בֶּעטִין דַיין גִיוֶועזֶענֶע כַּלָה דִיא גוּטֶע דִי עֶרְלִיכֶע בֵּיילְקֶעלִין . . .

— "אַוַדְאַי בִּין אִיךְ מְחוּיָב זִיא בֶּעטִין , זִיא זָאל מוֹחֵל זַיין יֶענֶעם בְּזָיוֹן , אוּנ אִיר בָּאבֶּע וֶועט פּוֹעֶלִין בַּאי אִיר , אַז זִיא זָאל מִיר מוֹחֵל זַיין ? אֵייבִּיג וָועל אִיךְ אַייךְ דַאנְקֶען !"

— "אִיךְ וָועל פּוֹעֶלִין , נָאר אַקְלֵיינֶער תְּנַאי אִיז דֶער בַּאי ."

— "דְהַיינוּ ? זָאגְט בָּאבֶּע , זָאגְט ! וָואס וִויל זִיא פוּן מִיר ?

— "דָאס וָואס אִיךְ וִויל פוּן דִיר !"

— מִיט רֶעטֶענֶעשִׁין , רֶעדְט אִיהר בָּאבֶּע מִיט מִיר ? אִיהר

וַוייסְט דָאךְ אִיךְ בִּין אַפְּרָאסְטָער חַי וְקַיָם ! אַדְרַבָּה זָאגְט, וָואס ווילְט אִיהר פוּן מִיר ?

— הָאבּ אִיךְ דָען דִיר תְּחִילַת רַיידִין נִיט גִיזָאגְט, אִיךְ וִויל דוּ זָאלְסְט מִיר פָאלְגִין, פָאלְגִין אוּנ וֶוערִין אַחָתָן פַאר דִי כַּלָה וָואס אִיךְ וֶועל דִיר זָאגִין .

— אוּנ זִיא. . . וִויל אוֹיךְ דָאס זֶעלְבִּיגֶע ? אַז אִיךְ זָאל אַייךְ פָאלְגִין , מֶער גָאר נִיט !

— ״גַאנְץ רִיכְטִיג פִייווישל !

— נוּ ? וֶוער אִיז זִיא דִי כַּלָה ? אַדְרַבָּה זָאגְט , וֶועל אִיךְ הֶערִין אוּנ ווִיסְסִין .

— דִי כַּלָה אִיז בּיילקעלע ! דוּ קָאנְסְט זִיא ? אָט דִי בּיילקעלע וָואס דוּא הָאסְט זִיא מְבַיֵשׁ גִיוֶוען, דִיא זֶעלְבִּיגֶע בּיילקעלע וַוארְט אוֹיף דִיר , אוּנ אִיךְ וֶועל פוּעֶלִין בַּאי אִיר , זִיא זָאל דִיר מוֹחֵל זַיין , אוּנ דַיין כַּלָה אִיבֶּער אַנַייעֶם זַיין !

— אִיךְ פָאלְג אַייךְ בָּאבֶּע, טְהוּט ווִיא אִיהר פַארְשְׁטֶעהט !

— אִיצְט מָאגְסְט דוּ פִייוועלע אוֹיף אַסַאךְ גוּטֶעם וַוארְטִין, אִיצְט מָאגְסְט דוּא זִיכֶער זַיין , אַז דוּא וֶועסְט נָאךְ אַמָאל בַּייךְ אוּנ גְלִיקְלִיךְ זַיין ! בּיילֶקֶעלֶע אִיז דַיין גְלִיק , אוּנ דַיין גְלִיק הָאט קַיינֶער נִיט צוּ גֶענוּמֶען , עֶר וַוארְט אוֹיף דִיר !״

דֶעם זֶעלְבִּיגִין אָוֶוענְד אִיז גִיוֶוען אַצְוַוייטִין מָאל תְּנָאִים, חָתָן כַּלָה הָאבִּין זִיךְ בֵּיידֶע גִישֶׁעמְט , נָאר וֶועמֶעם בְּזָיון אִיז גִיוֶוען גְרֶעסֶער , הָאט דָער פַארְבָּעטֶענֶער עוֹלָם צוּם תְּנָאִים קַיין צַייט גִיהַאט , דִיא זַאךְ רִיכְטִיג צוּ בַּאקְלֶערִין .

מִיט 10 טָאג נָאכִין תְּנָאִים , אִיז גִיוֶוען בַּיי פִייוולען מִיט ביילקעלען חֲתוּנָה, אוֹיף דִיא חֲתוּנָה אִיז גִיוֶוען אַגְרוֹיסֶער עוֹלָם נִיט אַזוֹי צוּ לִיבּ דֶעם חָתָן , ווִי צוּ לִיבּ דִיא כַּלָה , דֶער עוֹלָם אִיז גִיוֶוען זַייעֶר פְרֵיילֶעךְ , חָתָן כַּלָה הָאבִּין פִיל מַתָּנוֹת בַּאקוּמֶען . בַּאלְד נָאךְ חֲתוּנָה הָאט פִייוויל גֶעדוּנְגֶען אַרֶעכְטֶע דִירָה , עֶר הָאט גֶעדוּנְגֶען

אפאר גוטע ארגעטער , עס האט אים אנגעהייבען פון טאג מער מצלח זיין ; ביילקעלע האט אים אפ געהיט ווי די אויג אין קאפ ; פייוויל האט גאר באקומען איין אנדער פנים , מיט איין אנדער שטאלץ ; נאך דיא צרות , וואס ער האט גיהאט , האט ער איצט געוואוסט וויא צו שאטצין ביילקעלעס גיטראישאפט , איר ליבשאפט , מיט איר גרויסע בריה-שאפט .

---

## 6•

### פייערדיגע פעטש

אגליקליכין חודש האט פעשע חיענע אפ גילעבט אויף דער וועלט מיט איר ליבין לעקעשין !

נאר וואס טויגין דיא חדשים דיגע גליקין ? וואס העלפט יענער גליק , יענע פרייד , מיט יענע שמחה , וואס גידויערט איין מינוט איין סיקונדע ? וואס פאר אטרייסט האט יענער בלינדער , פון דיא אויגעגבליקליכע ליכטיגקייט וואס ער האט גיזעהן ? אז דער חשך פאר דאפילט זיך , און פאר גרעסערט זיך דער נאך אסאך מער !

גליקליך איז פעשע חיענע , מיט יענע 30 גליקליכע טאג גיוועזן , אבער וויא אונגליקליך , וויא פינסטער , וויא ביטער , איז איר דער נאך גיווארין ? . . .

פעשע חיענע האט אויך דעם מאל געמיינט , אז זיא וועט זיין דיא הארשערין , זיא וועט אים לעקעשין , אויך האלטין אין דער מורא וויא אמאל פייוולען , נאר זיא האט זיך אפ גינארט .

— וואו שלעפסט דוא זיך ארום אזוי שפעט ? הא ? ! . . .

האט פעשע חיענע גיפרעגט באי איר לעקעשין דעם ערשטין טאג פון צווייטין חודש , נאך זייער חתונה , בשעת לעקעש האט זיך

(צווייענדיגער תנאים) פארזאמט

פַארְזַאמְט מִיט אַשָׁעָה אָדֶער מֶער , צוּא קוּמֶען אַהֵיים , וִויא זַיין שְׁטֵייגֶער אִיז .

פוּן דִיא דָאזִיגֶע פְרַאגֶע, הָאט לעקעש וָואס עֶר אִיז שׁוֹין בְּמֵילָא בְּרוֹגֶז אוּנ בֵּייז גִיוֶועןן אוֹיף פעשע היענען, זִיךְ גִיפוּנֶען בַּאלֵיידִיגְט, עֶפֶּעס הָאט דִיא פְרַאגֶע, מִיט אִירֶע טְרָאפּ, גִיקְלוּנְגֶען מִיט דֶעם נִגוּן, וָואס אַבֵּייזֶער לֶעהְרֶער פְרֶעגְט זַיין תַּלְמִיד; אוּנ עֶר הָאט זִיא בַּאלְד גִיעֶנְטְפֶערְט .

— אוּנ פַאר וָואס וֶוערְסְט דוּ נִיט אַרוֹים גִישְׁלֶעפְּט אַזוֹי שְׁפֶּעט ? הַא ? ! אִיךְ פְרֶעג דִיר !

הוּנְדָערְט הַארְמַאטִין קְלֶאפּ , וָואלְטִין זִיא וֶוייניגֶער צוּא טוּמִילְט , וִויא דִיא קוּרְצֶע תְּשׁוּבָה; זִיא אִיז אַוֵויילֶע גִישְׁטַאנֶען וִויא צוּ מִישְׁט , נָאר בַּאלְד אִיז זִיא צוּא זִיךְ גִיקוּמֶען , אוּנ וִויסְסִינְדִיג בַּאי זִיךְ , אַז קוֹים וֶועט זִיא אִים דֶעם מָאל פַאר שְׁוַוייגִין, וֶועט עֶר שׁוֹין תָּמִיד אִיבֶּער אִיר הָאבִּין דִיא מֶמְשָׁלָה , אוּנ אַז זִיא וֶועט זִיךְ שְׁטֶעלִין פֶעסְט אַנְקֶעגִין , וֶועט עֶר וִויסִין , אַז עֶר טָאר נִיט אַרוֹיסְ- טְרֶעטִין גֶעגֶען אִיר מִיט אַזֶעלְכֶע הַארְטֶע וָוארְטֶער, הָאט זִיא צוּא זַאמֶען גִינוּמֶען דִיא כחות , אוּנ גֶעבֶּענְדִיג מִיט אַפָּאר טֶעלֶער וָואס זַיינֶען אוֹיפִין טִישׁ גִישְׁטַאנֶען צוּ גִיגְרֵייט צוּם עֶסִין, אַטְרַאסְק אָן דָער עֶרְד , הָאט זִיא גִיזָאגְט: "וֶוער לעקעש מַמְזֶר , אַרוֹיס גִישְׁלֶעפְּט , חָאט הַיינְטִיגֶע נַאכְט , פַאר חַאפְּט זָאלְסְט דוּא וֶוערִין , פוּן טוֹיזֶענְט מִתוֹת מְשׁוּנוֹת , אַז קֵיין טָאטֶער זָאל דִיר נִיט הֶעלְפִין , אַכַּפָּרָה זָאלְסְט דוּ וָוערין פַאר פייווילסט מִינְדֶסְטִין נָאגִיל" ! . . .

נָאר קוֹים הָאט פעשע חיענע גִיעֶנְדִיגְט אִיר דְרָשָׁה , חָאט זִיךְ גֶעהֶערְט אַפָּאר מְשׁוּנֶה פַייֶערְדִיגֶע "פֶּעטְשׁ. אוּנ גְלַייךְ נָאךְ דֶעם הָאט זִיךְ פעשע חיענע מִיט בֵּיידֶע הֶאנְד גִיחַאפְּט פַאר אִירֶע בֵּיידֶע בַּאקִין , וָואס זַיינֶען גִיוָועןן וִויא פַייֶער רוֹיט . . . אוּנ לַאנְגֶע פִינְגֶער פַּאסִין , אִין פִינְגֶער גִישְׁטַאלְט , הָאבִּין זִיךְ פוּן דִי רוֹיטְקֵייט אַרוֹיסְגֶעשְׁפִּיגִילְט , נַאטוּר וִויא אֶרֶעגִינְבּוֹיגִין פוּן וָואלְקִין , אוּנ זִיא

אִיז אַרוֹים גִילָאפֵּיו אוֹיפִין נַאס מִיט אַווִילְד גֶעשְׁרֵייא אַי! אַי, אַי!
דִיא פִינְסְטֶערֶע נַאכְט הָאט דֶעם מָאל צוּ גִידֶעקְט אוֹיף דֶעם עֶרְשְׁטִין
גְלִיקְלִיכִין, אָדֶער אוּנְגְלִיקְלִיכִין אָוֶוענְד; פֶעשֶׁע חיענע הָאט דֶעם
מָאל גִינָאכְטִיגְט בַּיים בְּרוּדֶער, לֶעקֶעשׁ הָאט פוּן צָרוֹת, אוֹיס
גִיטְרוּנְקֶען דִי גַאנְצֶע הַאלְבֶּע קְוָוארְט בְּרַאנְפִין, וָואס עֶר הָ. מִיט
זִיךְ גִיבְּרַאכְט, וִויא עֶר וָואלְט וִויסְסִין, אַז דָאס וֶועט אִים זַיין
אַטְרֵייסְט בִּמְקוֹם פֶעשֶׁע חיענען, טוֹיד שִׁכּוֹר אִיז עֶר אַנְשְׁלָאפִין
גִיוָוארִין.

דְרַייא חֲדָשִׁים צַייט כְּסֵדֶר, הָאבִּין זִיךְ דִיא מִלְחָמוֹת צְווִישִׁין דִי
פָּאר פָאלְק אִיבֶּער גִיחַזֶרְט אַלֶע טָאג, יֶעדֶער מָאל, מִיט מֶער טַעַם,
מִיט מֶער הִתְלַהֲבוּת, עֶס זַיינֶען גִיוֶוען צַייטִין וָואס בֵּיידֶע זַיינֶען
אוּמְגַעֲנָאנְגֶען מִיט פַאר בּוּנְדֶענֶע קֶאפּ, מִיט צוּ שְׁלָאגֶענֶע אוֹיגִין,
מִיט צוּ דְרַאפֶּעטֶע פָּנִים-ר, עֶס אִיז גִיוֶוען שֵׁיין פַאר גָאט אוּנ
לַייט; בִּיז צוּם לֶעצְט הָאבִּין זִיךְ גוּטֶע מֶאנְשִׁין אַרַיין גֶעמִישְׁט,
זֵייא צוּא זַאמֶען גֶעפִירְט אוֹיף אַגֶט, זֵייא הָאבִּין זִיךְ
בֵּיידֶע גִיגֶט.

צְווֵייא יָאהר אִיז פֶעשֶׁע חיענע גִיוֶוען אַגְרוּשָׁה, צְוֵוייא יָאהר הָאט
זִיא זִיךְ אָפּ גִימוּטְשֶׁעט, אוֹיס גֶעוִיסִין, אוֹיס גֶעפְלִיקְט גֶעוָוארִין,
בִּיז זִיא חָאט זִיךְ מְפַרְנֵס גִיוֶוען; עֶס זַיינֶען אוּנְטֶער גִיקוּמֶען
שְׁלֶעכְטֶע יָאהרִין, צוּ דִי מְלָאכָה פַּאפִּירָאסִינְמַאכֶעראַי, הָאבִּין זִיךְ
גִיחַאפְּט אַלֶע מֵיידְלֶעךְ, מִיט אַלֶע וַוייבְּלֶעךְ אוֹיף יֶעדֶער פַּאפִּירָאס
הָאבִּין זִיךְ גִיפוּנֶען 99 מַאכֶערִינְס, מֶען הָאט אָנְגֶעהֵייבִּין וַוארְפִין
מֶקָח, מַאכִין פַאר אוּמְזִיסְט, אוּנ נָאךְ אַלֶעם דֶעם, הָאבִּין נָאר
יֶענֶע גִיהַאט כְּלוֹמֶרְשְׁט צוּ בִּיסְלֶעךְ אַרְבֶּעט, דִיא וָואס זַיינֶען טַאקֶע
מִיט אֶמֶת קִינְצְלֶערִינְס אִין דֶער אַרְבֶּעט, אוּנ הָאבִּין אַשֵׁיינֶעם
פָּנִים... נָאר אַזַא פֶעשֶׁע חיענע, וָואס הָאט זִיךְ קַיין מָאל נִיט
אוֹיס גֶעצֵייכִינְט מִיט דִיא אַרְבֶּעט, אוּנ אַפָּנִים הָאט זִיא אִיצְט
גִיהַאט פוּן אַשְׁוַוארְץ יָאהר, אָט דִי פֶעשֶׁע חיענע פְּרֶעגְט דַארְפִין

אָפְּטְלֶעךְ צוּ הוּנְגֶערִין, סַיידִין אַז זיא פְלֶעגְט קוּמֶען וצוּם בְּרוּדֶער, דָארְט פְלֶעגְט זיא פַאר טְרַייבִּין דֶעם הוּנְגֶער, נָאר דֶער פַאר, הָאט זיא יֶעדֶער בִּיסֶען מִיט טְרֶערִין בֶּעגָאסִין, וָוארוּם דִיא שְׁוֶועגֶערִין מִיט אִירֶע שְׁטָאכְוָוארְטְלֶעךְ אִיז אִיר דִיא יָאהרִין דֶער גַאנְגֶען, זיא הָאט זיךְ גִיוָוארְגִין מִיט יֶעדֶער בִּיסִין בְּרוֹיט, אוּנ דָאס הָאט אִיר גֶעדְרִיקְט, גֶעטְרִיבִּין אוּנ גִיצְווּאוּנְגֶען אַז זיא זָאל מֶער נִיט קוּקִין אוֹיף קֵיינֶע גְלִיקִין, אוּנ פַאר וֶועמֶען עֶס וֶועט זיךְ טְרֶעפִין חֲתוּנָה הָאבִּין.

אוֹיף אִיר גְלִיק הָאט זיךְ זיא גִיטְרָאפִין אַיין אַלְמֶן אַמֶענְשׁ פוּן אַיָאהר פוּפְצִיג, מִיט זֶעקְס קְלֵיינֶע קִינְדֶער. עֶס אִיז גִיוֶועֶן חוּפָּה.

פִינְף יָאהר הָאט זיא מִיט דֶעם אַלְטִין מַאן אָפּ גִילֶעבְּט, נִיט אִין גְרוֹיס הַרְחָבָה, עֶס זַיינֶען גִיוֶועֶן צַייטִין וָואס פֶּעשֶׁע הִיעֶנֶע אִיז נִיט גִיוֶועֶן "זְשֶׁעדְנֶע" אִין קֵיין זַאךְ, זיא הָאט אַלְץ גֶעהַאט, אִי אַשְׁטֶעקִין, אִי אַבַּייטְשׁ, אִי פֶּאטְשׁ מִיט קוּלַיְקֶעם, אוֹיסְגֶעריסֶענֶע הָאר, אוּנְטֶער גֶעשְׁלָאגֶענֶע אוֹיגִין! אוּנ צַייטֶען, וָואס זיא וָואלְט מִיט דֶעם גְרֶעסְטִין אַפֶּעטִיט עֶסִין אַשְׁטִיקִיל טְרוּקִין בְּרוֹיט, נָאר וֶוען עֶר וָואלְט גֶעוֶועֶן; נָאר סוֹף פִינְף יָאהר אִיז אִיר מַאן גֶעשְׁטָארְבִּין, זיא אִיז גִיבְּלִיבִּין מִיט דְרַייא אֵייגֶענֶע קִינְדֶערְלֶעךְ, וָואס זיא הָאט מִיט דֶעם מַאן גֶעבּוֹירִין — אַוּיסְטֶע אָרֶעמֶע אַלְמָנָה!

אַהִיפְּשֶׁע צַייט הָאט זיא זיךְ גֶערַאנְגֶעלְט מִיט דֶעם נוֹיט אוּנ מִיט דִיא דַחֲקוֹת אוּנ הָאט צוּם לֶעצְט גֶעמוּזְט נָאךְ גֶעבֶּען, גֵיין צוּם גַבַּאי פוּן דִיא חֶבְרָה "לֶחֶם אֶבְיוֹנִים" בֶּעטִין אוֹיף בְּרוֹיְדט פַאר דִיא קִינְדֶערְלֶעךְ.

זיא הָאט זיךְ אָנְגֶעהֵייבֶּען נָאךְ פְרֶעגִין, וואו וָואהנְט דֶער לֶחֶם אֶבְיוֹנִים גַבַּאי אוּנ הָאט זיךְ דֶער פְרֶעגְט.

זיא איז אריין געקומען אין דעם אנגעוויזענעם הויף וואס מען האט זיא געוויזען; דאס איז געווען זייער אשיינער אריינער, אציכטיגער הויף, אויף וועלכען עס זיינען געווען עטליכע פיינע דירות וואס שטילע ערליכע מאנשין האבין געוואהנט, זיא האט זיך קאם דער פרעגט צום גבאי.

אריין קומענדיג אין שטוב, איז איר אנקעגין געקומען אברייטע אדיקע דאמע, מיט אליכטיגין שיינעם פנים, וואס האט גיפרעגט דיא ארעמע אידינע: וואס דארפט איר?"

— איך דארף צום גבאי... האט פעשע חיענע קאם אויס גירעדט, איז ער אין דער היים?

— "פייוועלע! גיי מען רופט דיר!" האט דיא דאממע הויך געזאגט.

הערענדיג דעם נאמען פייוועלע, איז באי פעשע חיענען קאלט געווארין אונטערין צונג, זיא האט גיפילט וויא אירע פיס האבין זיך באי איר אונטער געבראכין, איר איז געווארין פינסטער אין דיא אויגין, דער קאפ האט זיך פאר דרייט, איין מינוט צו חלשות...

— "ניין, ניין, דאס איז אומעגליך." האט פעשע חיענע מיט זיך געטראכט "וויפיל פייווילס זיינען דא אויף דער וועלט? וויא איז דאס מיגליך אז דער שניידערוק זאל גאר אגבאי ווערין, איך שרעק זיך אומזיסט!" דער גידאנק האט זיא עטוואס בערוהיגט, זיא האט זיך אראפ געלאזין אויף דעם בייגקיל באי וועלכין זיא איז גישטאנען.

אקליינע ווילע פאר באי איז ארויס געקומען דער גבאי. דאס איז געווען כמעט דער זעלביגער פייוויל דער לאנגער וואס אמאל, ניט מער וואס ער איז געווארין דיקער, פעטער, וואס

זיין פָּנים איז איצט רויט. ער שיינט, דער בּאָרד איז גיוואָרין גְרֶעסֶער! דאס זיינען קרוֹב צו אַכט יאהר, וואס זיא האט איהם ניט געזעהן, און ער זיא אויך ניט, הַגַם זיי זיינען בּיידע אין איין שְׁטָאדט, דיא גאַנצֶע צייט; וואָרוּם יעדער האט זיך געהיט, יעדער האט געזוכט אַנדערע גאסין מיט אַנדערע וועגין, מען זאל זיך חָלִילָה קיין מאָל ניט בּאגעגענען.

— „וואס גוּטעס וועט איר בּאבּעניו זאגין?“ האט פּייוויל מיט אַנגבָאוֹת־שִׁין נִגוּן, וואס איז אוֹיס געמישט וויירקייט מיט שְׁטָאלְצְקייט, גַּאֲוָה מיט עֲנִיוּת גיזאָגט. ניט דער קאָנעגדיג אַז דאס איז זיין גיוועזענע פּעשע חיענע וואס ער האט אַמאל געציטערט פאר איר, וויא פאר פייער; פאר פּייווילס אויגין איז גיזעסין אַחשֶׁכְדיגע אידיגע אַנגעקְנייצטער פָּנים, אוֹיס גֶעמִישְׁט מיט אַשְׁוואַרצֶע גֶעלְקייט, זייער אַיין אָרֶעמֶע. —

— „וואס דאַרְפְט איהר?“ האט פּייוויל הֶעבֶער אַבּיסל גיפְרֶעגְט, ניט עֶרְהַאלְטֶענְדיג אַנְטְוואָרְט אויף זיין ערשטע פְרַאגֶע, און מֵיינֶענְדיג אַז דיא אַלְטֶע איז גִיווּים טוֹיבּ.

— „ווילְט איהר בּאבֶּע אַנְדָבָה? אַצֶעטְל? וואס שְׁווייגְט איהר?“ האט פּייוויל צוּם דְרִיטען מָאל געזאגְט, זיך צו בּייֶגענְדיג צוּא דיא אַלְטֶע וועלְבֶע האט פאר שְׁטֶעלְט איר פָּנים מיט אַבְּרֶעג שַׁאילְבִּיל, און טְרֶערין האבּין זיך וויא אַרֶעגין גיגָאסין!

— „אַח, גאט מיינער, פֶּעשֶׁע חֶיֶע־נֶע!... האט פּייוויל אויסְגֶעשְׁרִיעֶן מיט גְרוֹיס שְׁרֶעק, דֶערְקאָנֶענְדיג דיא אַלְטֶע...

פּעשע חיענע האט אָבֶּער ווידער ניט גיעֶנְטְפֶערְט, זיא האָט זיך אַחַאפּ גיגֶעבִּין פון בּיינְקִיל, אַרויס גִילָאפִין פון שְׁטוּבּ, וויא פוּן אַלייבּין גְרוּבּ.

(צווייענדינער תנאים) קומענדיג

קוּמֶענְדִיג אַהֵיים, הָאט זיא גֶעהַאפְּט אַשְׁטְרִיק, גֶעמַאכְט אַתְּלִיָה, זִיךְ גֶעוָואלְט אוֹיף הֵייְנְגֶען, נָאר מֶען הָאט זיא בֶּעצַייטִין פַאר הַאפְּט, אוּנ נִיט דֶער לָאזִין; פֶעשֶׁע הִיעֶנֶעם צָרוֹת מִיט עַגְמַת נֶפֶשׁ, הָאבִּין זִיא גֶערִידְט בַּיים מֹחַ, זִיא אִיז אַבִּיסִיל אַרָאפּ פוּן דַעַת, מֶען הָאט גֶעמוּזְט אִיר אָפּ שִׁיקִין, אִין יֶענֶע הוֹיז וָואס מֶען הֵיילְט נַייסְטְלִיכֶע קְרַאנְקֶע. אַצַייט יָאהְרִין אִיז פֶעשֶׁע הִיעֶנֶע דָארְט גֶעוֶוען, זִיא הָאט מִיט קֵיינֶעם אַוָוארְט נִיט גִירֶעט, אִירֶע אַלֶע רֵייד, מִיט אִירֶע אַלֶע אַנְטְוָוארְטִין אוֹיף וָואס מֶען פְּלֶעגְט זִיא פְרֶעגִין, אִיז גִיוֶוען — „אוֹיךְ מִיר אַנְבַּאִי!“

# ענדע

(צווייענדיגער תנאים)